# בית אולפנא

נחת'פולע
באַריכטן און
אַנטוויקלונגען

פונעם צענטראַלן בית אולפנא

**ישיבה גדולה
אור החיים
ד'טאהש**



אויסגאַבע #1 | חג הפסח תשפ"ו

לחם שעונין עליו דברים הרבה 3

מגיד 5

צא ולמד: א טאהש'ער ישיבה בחור 8

א טאג אין די ישיבה 11

די עולם החבורות 19

בין כותלי הישיבה 23

די לעכטיגע שבתים 24

די סוד פון הצלחה 30

ישיבה נייעס 32



**Yeshiva Gedoila**
**Oir Hachaim D'Tosh**

Address: 2 Rue Beth Halevy,
Boisbriand Que. J7E 4H4

Office: 450-323-1084
Fax: 438-448-3643
Email: yg@mosdostosh.com
Public Phone: 450-234-1200

# לחם שעונין עליו דברים הרבה

## ערב פסח נאָכמיטאָג.

אָה ענדליך נאָך אַלע לאַנגע הכנות צום לעכטיגן יו"ט פסח, האַלט מען שוין דאָ, מ'האָט שוין אַהיימגעברענגט די פריש-געבאַקענע ערב פסח מצות, וגילו ברעדה מיט אַ ערנסטע שמחה באַטראַכט מען מיט הנאה די הערליכע מצות אויף וועלכע מ'וועט אין געציילטע שעות זוכה זיין צו מאַכן דעם על אכילת מצה.

לחם שעונין עליו דברים הרבה, די מחשבות שטורעמען כמה הרפתקי עדו עלייהו, וואָספאַראַ תקופה זענען די מצות אַריבער אין די לעצטע יאָר צייט ביז ווען זיי טרעפן זיך דאָ על שולחן מלכים, וואָס די מצות זענען אַלס אַריבער ביז זיי זענען דאָ ענדליך אָנגעקומען אויפ'ן סדר-טיש.

ווען מ'לייגט אַרויף די מצות אויפ'ן סדר טיש בליל התקדש חג, פאַרשטייט יעדער איינער אַז דאָס איז נישט עפּעס וואָס איז געקומען פון זיך אַליין, אין יעדע פּרט ופרט פון די מצות פּראָדוקציע ליגט אומצאָליגע כוחות עצומות, אָנגעהויבן פונעם פלאַנצונג צו פאַרזיכערן אַז דאָס ווערט גוט און ריכטיג געפלאַנצט און באַגלייט דורך די ריכטיגע ערפאַרענע פעלד-מומחים.

דורכאויס די וואוקס דאַרף מען אַסאַך כח און מחשבה אַריינלייגן דערין צו זיכער מאַכן אַז עס ווערט נישט צו קאַלט און עס פרירט נישט אָפּ, זיכער מאַכן אַז עס קומען נישט צו באַשעפענישן וועלכע זענען עלול דאָס צו פאַדאַרבן, און יאָ מ'דאַרף זיך באַפּאַסן דערמיט מיט זיידענע הענטשוך, אָבאַכט געבן כבבת עינו אַז דאָס זאָל נישט חרוב ווערן.

ווען עס ענדיגט וואַקסן איז אַ באַזונדערע חכמה צו וויסן פּונקטליך ווען עס איז די צייט פונעם שניט, נישט אַז מ'זאָל דאָס שניידן ווען עס איז נאָכנישט גרייט, און נישט אַז דאָס זאָל שוין אָנהייבן ווער מצומחות, נאָכדעם קומט די עבודה פון שניידן וואָס מ'דאַרף אַזוי זיכער מאַכן אַז מ'פאַרשניידט נישט אין ערגעץ ח"ו.

דאַן ווען די פריש-געשניטענע ווייצלעך ווערן אַריבערגעפירט צו די מאַגאַזינען וואו זיי וועלן געהאַלטן ווערן פאַר די קומענדיגע תקופה ביז מ'וועט אָנהייבן מיט'ן באַקן פּראָצעדור, עס ווערט געהאַלטן ריין און אָפּגעהיטן, אַז קיין פרעמדע הענט זאלן דאָס נישט דערגרייכן, די טעמפּעראַטור ווערט געהאַלטן נישט צו קאַלט און נישט צו הייס, ספּעציעלע משגיחים קוקן זיך אום בעינא פּקיחא אויף די ווייצלעך, צו פאַרזיכערן אַז עס זאָל נישט חמץ'דיג ווערן.

מ'הייבט שוין אָן צו באַקן, אַלע מיטאַרבייטער'ס דאַרפן האָבן די ריכטיגע ערפאַרונג, יעדע זאַך ווערט אַריינגעלייגט מיט אַ פּונקטליכע מאָס, אויסגערעכנט און אַהערגעשטעלט דורך די באַרימטע מומחים, עס ווערט געקנעטן און איבערגעקנעטן און אויסגעקנעטן, דערנאָך ווערט יעדע איינציגסטע מצה באַזונדער געוועלגערט דורך די עקספּיריענס וועלגערער אַהערצושטעלן אַ הערליכע שיינע רינדעכיגע מצה, דערנאָך פאָרט יעדע מצה



אַריין אין אויבן און ווערט גוט אָפּגעבאַקן, ער קומט אַרויס לופטערט מען אים גוט אויס, און דאַן פאַרפּאַקט מען אים אין די שאַכטלעך, און פון דאָרט קומט דאָס אָן אויף יו"ט פסח אויף די טישלעך פונעם ציבור, און יעצט קומט אַ שהחיינו, אַ המוציא, אַ אכילת מצה, כזיתים פאר מוציא-מצה, כזיתים פאר כורך, כזיתים פאר צפון.

•

כל הני אתניהו, גאָרנישט ווייניגער איז ווען אַ בחור אַ תלמיד פון ישיבתינו הק' קומט אַהיים אויף יו"ט פסח, אָנגעפילט און אָנגעזאַפּט נאָך אַזאַ אָנגעפולטע לעכטיגע זמן מיט עמערס תורה ויראת שמים, די עלטערן באַטראַכטן מיט שעצונג דעם בחור כהלכה, ווי אַזוי ער פראַוועט אָפּ אַ בין הזמנים און אַ יו"ט פסח, אָנגעפילט מיט אַזאַ אמת'דיגע תוכן.

לחם שעונין עליו דברים הרבה, די לחמה של תורה וואָס ער האָט זיך איינגעקויפט במשך דעם ווינטער זמן האָט אַסאַך אַסאַך וואָס צו פאַרציילן, וויפיל האָט מען אריינגעארבייט און אריינגעארבייט אַז יעדער בחור זאל וואַקסן און שטייגן ביז'ן מאַקסימום.

וויפיל כוחות לייגן אַריין די געטרייע מגידי שיעור שליט"א מיט זייער גרויס מומחיות ביים פלאַנצן יעדע איינציגסטע בחור, זיכער צו מאַכן אַז ער ווערט ריכטיג געפלאַנצט מיט די נויטיגע באַשטאַנדטיילן, זיכער מאַכן אַז עס קומט נישט אַריין אַ קעלט וואָס פאַרדאַרבט חלילה די הערליכע געוואוקסן, און בשעת'ן זיך באַפּאַסן מיט זיידענע הענטשוך צו יעדע בחור באַזונדער אַז ער זאָל וואַקסן שיין און גראד לאילנא רברבי, מאַכט מען זיכער אַז עס קומען נישט אומגעוואונטשענע באַשפּעניגשן חרוב צו מאַכן די טייערע געוואוקסן.

די מרביצי תורה פאַרשטייען אַזוי צו די נפש פון יעדע איינציגסטע בחור, אים צו געבן אַזויפיל וואַרעמקייט, הדרכה, השקפה, תורה ויראת שמים, מ'בויעט אויף די בחורים שטאַרק און פעסט לכל אורך דרך החיים, אַז קיין איין בחור זאָל נישט ווערן מצומחות.

די בחורים געפינען זיך בין כותלי הישיבה, וועלכע איז בסייעתא דשמיא אַ חומה בצורה ריין און אָפּגעהיטן, אַז קיין פרעמדע הענט זאלן דאָס נישט דערגרייכן, די טעמפּעראַטור ווערט געהאַלטן אויף א אופן אויסגעשטעלט פאר יעדע בחור וואָס וויל שטייגן בתורה ועבודה זאל דאָ טרעפן את שאהבה נפשו, מיט ערנסטע משגיחים וועלכע קוקן זיך אום און באַגלייטן יעדע בחור צו זיין הצלחה.

דאָס זעלבע איז מיט אַ שטאַפּל ווייטער, יעדע באַשטאַנדטייל פון אַ ישיבה, שיעור עיון, שיעור פשוט, שיעורי הלכה, שיעורי מוסר, שיעורי חסידות, עבודת התפלה, אַלעס ווערט אַריינגעלייגט מיט אַ פּונקטליכע מאָס אויסגערעכנט און אַהערגעשטעלט דורך די חשוב'ע ראשי הישיבה ומגידי שיעור מיט א געוואלדיגע אחריות און ערנסטקייט.

יעדע שטיקל גמרא יעדע רש"י און סברא, ווערט גוט איבערגעקנעטן און אויסגעקנעטן, ווי יעדע בחור פארשטייט און איז מצליח בתורה, יעדער בחור ווערט אין די ישיבה הערליך שיין אויסגעפּאָרעמט מיט'ן ריכטיגן קלסתר פנים פון אַ טאָהש'ער תלמיד פונעם רבי'נס ישיבה אין קרית טאָהש.

די השגחה מלאה אויף די בחורים, איז ממש ווי ביי די מצות, מ'מאַכט זיכער אַז מ'פאַרבלייבט נישט אַליין די גאַנצע צייט, און מ'פילט אָן די קעפּ פון די בחורים מיט עמערס תורה ויראת שמים ומדות טובות.

נאָכ'ן זיך אָפּבאַקן מיט אַזאַ ברען און וואַרעמקייט מיט וואַרימע תפלות, וואַרימע שיעורי מוסר וחסידות, לעכטיגע טישן, ווי מ'צינדט זיך אָן מיט'ן הייליגע טאָהש'ער פלאַם וועלכע איז ריכטיג אַ אש תמיד תוקד לא תכבה, אַ פלעמעלע וואָס בלייבט ברענען אויף שטענדיג במשך די גאַנצע לעבן.

נאָכ'ן זיך אָפּבאַקן מיט אַזאַ ברען און וואַרעמקייט מיט וואַרימע תפלות, וואַרימע שיעורי מוסר וחסידות, לעכטיגע טישן, ווי מ'צינדט זיך אָן מיט'ן הייליגע טאָהש'ער פלאַם וועלכע איז ריכטיג אַ אש תמיד תוקד לא תכבה, אַ פלעמעלע וואָס בלייבט ברענען אויף שטענדיג במשך די גאַנצע לעבן.

אָבער מ'לאָזט דאָס נישט ווערן פאַרשוויצט... נאָכ'ן אַרויסקומען פון אויוון מאַכט מען זיכער אַז די בחורים האָבן די צייט זיך אויסצולופטערן און שעפּן פרישע לופט בין גברא לגברא, באַגלייט מיט פאַרשידענע דערהויבענע מעמדים און שבתים אין אַ געשמאַקע אַטמאָספערע בשבת אחים גם יחד.

און אָט אַזוי קומען אונזערע בחורים אַהיים אויף יום טוב, די עלטערן עפענען די שאַכטלעך און מען באַטראַכט דאָס מיט אַ הנאה און נחת, ווי הערליך שיין דאָס איז געוואַקסן און געוואָרן אויסגעפּאָרעמט הדור נאה לשם מצות מצוה.

די גאַנצע יום טוב פסח דרייט זיך אַרום אָט די מהודר'דיגע מצות, דער בחור קומט אהיים נאָך אַ גאַנצע זמן פונעם בית אולפנא ישיבה גדולה אור החיים, זיין זמן חירותינו ווערט געפראוועט מיט א דערהויבענקייט און מיט ברייטע אָנגעזאַפּטע ידיעות איבער די באַדייט פונעם יו"ט מפּי ספרים וסופרים.

לחם שעונין עליו דברים הרבה, אנשי שלומינו קוועלן כסדר מיט'ן הערן נחת'פולע גריסן פון די ישיבה הק', די האַרץ איז אַזוי מקושר צו די כותלי הישיבה אין וועלכע מ'איז אליינס נתגדל געוואָרן, און יעדע גרוס מבין כותלי הישיבה איז כמים קרים על נפש עייפה.

רבים אומרים מי יראנו טוב, אנשי שלומינו לעכצן און נאָגן מיטצוהאַלטן מהנעשה והנשמע בין כותלי הישיבה, דעריבער אינעם זמן חירותינו פון יו"ט פסח, טוען מיר דאָ אַהערשטעלן די ערשטע אויפלאַגע פון די "בית אולפנא" אויסגאַבע מהנעשה והנשמע בתוככי ישיבתינו הק'.

די רייכע בלעטער פון די "בית אולפנא" וועט אייך שענקן אַ ריכטיגע עונג יו"ט, שעפּנדיג הנאה וקורת רוח מיט אַ לעבעדיגע אַריינבליק בהיכל ישיבתינו הרמה, דאס האַרץ פון יעדע טאָהש'ער חסיד.

בברכת חג כשר ושמח

**הנהלת הישיבה**

# מַגיד

רייכע ערב יו״ט שמועס
מיט׳ן מגיד שיעור

## הרה״ג רבי חיים סג״ל קרויס שליט״א

ברוך המקום ברוך הוא, ברוך שנתן תורה לעמו ישראל! שטייענדיג פאַר׳ן געהויבענעם יו״ט פסח זמן חירותינו, האָבן מיר אַ פּאַסיגע געלעגנהייט צו האָבן אַ געהויבענע ערב יו״ט שמועס מיט איינער פון די חשובע מרביצי תורה בישיבתינו הק׳, הרה״ג רבי חיים סג״ל קרויס שליט״א, וועלכע האָט די זכי׳ אַריינצוברענגען אין אונזערע קינדער דעם ברוך שנתן תורה לעמו ישראל.

אונזער שמועס הייבט זיך אָן איבער די יסוד אויף וואָס אַ ישיבה איז בכלל אַוועקגעשטעלט, און אין די אויגן פון אַ מגיד שיעור וואָס איז די תכלית פון די ישיבה אַז דאָס זאָל ברענגען פאַר׳ן בחור.

### די תכלית הישיבה: ווערן מקושר צו תורה ויר״ש און מיטנעמען פאַר׳ן לעבן!

דער מגי״ש מיט זיינע וואַרימע ליבליכקייט צו די תלמידים, עפענט פאַר אונז אוצרו הטוב, און שמועסט אויס בטוטו״ד, ״די ציהל פון די ישיבה איז צו מקשר זיין אַ בחור צו תורה, יראת שמים, און חסידות, און בעז״ה יעדע איינציגסטער בחור לפי ערכו קומט אַרויס פון ישיבה מער מקושר פון ווי אַזוי מ׳איז אַריינגעקומען, צום לערנען, צום דאַווענען, און סיי אַביסל מער פנימיות, אַ וועלט פון ספרי חסידות, אַ וועלט פון לערנען תורה, און פאַרשטיין תורה, וואָס דאָס נעמט מען מיט אויף אייביג פון די בחור׳ישע יאָרן״.

### די שליסל צו די הצלחה: אלע איינגעשטעלטע גלייבן אַז יעדער בחור האָט די כוחות און כשרונות צו שטייגן לפי דרגתו!

הערנדיג איבער די געוואַלדיגע הצלחה פון די ישיבה, פרעגן מיר פונעם מגיד שיעור, וואו שטעקט די געוואַלדיגע הצלחה פון די ישיבה? דער מגיד שיעור שליט״א צעפייערט זיך אַז אַלעס איז סייעתא דשמיא וואָס באַגלייט אויף טריט און שריט. אָבער על פי אונזער שכל איז דאָס זייער שטאַרק דאָס וואָס מ׳פאַרלאַנגט פון יעדע בחור לויט זיינע בעסטע מעגליכקייטן - זאָגט אונזער דער מגי״ש.

״זייער אַ שטאַרקע חלק אין די ישיבה איז אַז יעדער איינציגסטע בחור זאָל קענען שטייגן, די ציהל איז אַז עס זאָל נישט זיין אין ישיבה אַ בחור וואָס זאָל נישט שטייגן, עס איז נישטאָ אַזאַ מושג אַז אַ בחור האָט נישט מצליח געווען, ממילא באַקומט ער שוין די לעבעל פון אַ ׳דורכפאַל׳ און ער באַלאַנגט מער נישט בין כותלי הישיבה, נאר יעדע בחור דארף ווייטער שטייגן און זיך הייבן לויט זיינע מעגליכקייטן לפי מה שהיא״. און וואו מ׳הערט צוריק פון בחורים און פון עלטערן, איז עס נישט נאר די געפיל ביים מגי״ש אַז דאָ ליגט אַ שטאַרקע שליסל צום הצלחת הישיבה, נאר אָט די אמת׳דיגקייט מיט וואָס די מגידי שיעור שפירן דאָס אין האַרץ דאָס גייט אַריבער צו די בחורים, און די בחורים שפירן אַז זיי האָבן די מעגליכקייטן צו שטייגן און זיך הייבן, וואָס דאָס ברענגט אַז מ׳זאָל זיך טאַקע הייבן העכער און שענער.

### די גרעסטע חידוש הישיבה: אַזאַ וואַרימע חסידי׳שע ישיבה אין תשפ״ז!

אַלס מגיד שיעור וועלכע זיצט טעגליך מיט די בחורים, און אויסער

די עבודת הקודש פון לערנען מיט די בחורים, איז דאך דאָ נאָך זייער אַסאַך אַרום-און-אַרום וואָס מ'פאַסט אויף ביי די בחורים, זאַכן וואָס ביי אַ בחור איז דאָס אַ דבר פשוט עד למאוד, און זעהט בכלל נישט וואָס עס איז די חידוש דערינען, פאַרבעטן מיר פונעם מגי"ש צו מיטטיילן אַביסל פון זיינע פערזענליכע הרגשים, "די גרעסטע חידוש פאר מיר איז דאָס אַז ס'קען אין תשפ"ו זיין אַזאַ וואַרימע חסיד'ישע ישיבה, מיט אַזעלכע הנהגות אין השגות".

## וויפיל וואָלט דער הייליגער רבי געקוואָלן פאר הנאה צוזעהנדיג אַזאַ דאַווענען פון די בחורים אין ישיבה!

די חסיד'ישע ברען און וואַרעמקייט קומט שטאַרק צום אויבערפלאַך ביים דאַווענען, ווי דער מגי"ש שילדערט אונז "איך זעה עס זייער שטאַרק ביים דאַווענען, וואָס אויף אַ טעגליכע פאַרנעם קומט מיר נישט אויס מיטצוהאַלטן די בחורים'ס דאַווענען, זייענדיג אַ נאָכמיטאָג מגיד שיעור, דעריבער בין איך נאָכנישט נאַטירליך צוגעוואוינט דערצו, אָבער עס קומט אויס ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן מיטצוהאַלטן די דאַווענען פון די בחורים, עס איז ממש אַ תענוג רוחני, בחורים קאָכן אַריין אינעם דאַווענען הויך אויפ'ן קול אין אַ בחינה פון כל עצמותי תאמרנה, וואָס ביי אונז אין טאָהש איז די התלהבות'דיגע דאַווענען געווען אַ שטאַרקע עיקר, מיין בעסטע אויסדרוק צו באַצייכענען די געהויבענע דאַווענען פון די בחורים, אַז דער הייליגער רבי וואָלט ווען אַזוי הנאה געהאַט מיטצוהאַלטן די דאַווענען פון די בחורים אין ישיבה".

און דאָס איז נישט עפעס וואָס מ'זעהט נאר ווען עס איז די זמן פון דאַווענען אָדער מ'איז עוסק בקיום המצוות ווי עס קומט אַרויס די חסיד'ישע וואַרעמקייט, נאר פשוט די גאַנצע אויר אין ישיבה איז העכער און געהויבן, עס שפירט זיך אין די לופטן דעם אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון.

## די גאס קאָכט זיך אין גוי'אישע פאָליטיק, אבער אין ישיבה אינטערעסירט עס קיינעם נישט!

"מיר פערזענליך האָט דאָס זייער געכאַפּט מיט אַרום פינף-אַהאַלב יאָר צוריק ווען איך בין אַריינגעקומען דאָ אין ישיבה אין די עבודת הקודש, און אין די היימישע גאס האָט זיך שטאַרקע געקאָכט מיט גוי'אישע פאָליטיק פון די אַמעריקאַנער פרעזידענט טראַמפּ, עפעס איז געווען זייער הייס יענע תקופה און אַסאַך אידן האָבן געשפירט אַז זיי מוזן דאָ האָבן אַ מיינונג... און איך האָב פאַרשטאַנען אַז אין ישיבה וועט מסתמא אויך זיין אַ מדובר דערוועגן פאַר אַ לאַנגע תקופה, אָבער אָנקומענדיג אין ישיבה בין איך אַזוי נתפעל געוואָרן אַז לא מיניה ולא מקצתיה, עס אינטערעסירט קיינעם נישט די גוי, די חסיד'ישע גליקליכקייט איז אַזויפיל העכער פון דעם, און אַזוי איז דאָס ביי יעדע נושא וואָס די אַלס-ווייסער'ס קאָכן אַריין, אָבער פאַר די בחורים אינטערעסירט דאָס פשוט נישט.

און מ'רעדט נישט דאָ פון בחורים וואָס פאַרשטייען נישט ווי אַזוי צו אויסקנעטן אַ נושא, ווען עס איז דא עפעס נייעס אין די חסיד'ישע הויפן, וועט מען זען בחורים בין הסדרים זיך קאָכן איבער דעם און דאָס דעבאַטירן מיט הנאה, אָבער די גוי'אישע פאָליטיק איז בכלל נישט קיין עסק דאָ".

## בחורים לעבן באמת אין א וועלט פון תורה, כי הם חיינו ואורך ימינו!

ווען עס קומט צו די אַלגעמיינע סדרי הישיבה איז אויך דאָ אַסאַך פון וואָס נתפעל צו ווערן, בחורים לייגן אַריין געוואַלדיגע כוחות, צו קענען אַזוי געשמאַק און פליסיג די שיעורי הישיבה, ווי די בחורים אין ישיבה, קען מען נישט פאַרברענגען די צייט מיט שמועסערייען, עס פאָדערט זיך גוט אָנצופילן די צייט, און עס איז בכלל נישט גרינג פאר אַ בחור צו זיצן שעות נאָכאַנאַנד און לערנען און לערנען, אָבער דאָס איז די הערליכע בילד וואָס מ'זעהט יעדן טאָג אין ישיבה, און איך רעד שוין פונעם נאָכמיטאָג סדר, ווען מ'האַלט שוין ביים צווייטן חלק טאָג.

די זעלבע איז מיט די כוחות וואָס בחורים שטרענגן זיך אָן צו לערנען שעות רצופות, עס כאַפּט שוין איינמאָל התפעלות און עס שרייט זיך אַרויס הפלא ופלא.

## ווער האָט זיך געגלייבט בחורים זאָלן זיך פאַרהערן 42 בלעטער גמרא אַ זמן, נאר פון אַלטע לימודים אַליין?!

איבער די חלק וואָס בחורים חזר'ן און פאַרהערן זיך, דאָס איז שוין אַ מסכת פאר זיך, אויף דעם איז דאך דאָ אַ עקסטערע התגברות היצר אַז מ'זאָל נישט חזר'ן די אַלטע לימודים, אָבער די חזרות וואָס טוט זיך דאָ אין ישיבה איז עפעס מורא'דיג.

כ'וועל נאר אָנכאַפּן די "חבורת קנין שלם" וואָס איז ביים נאָכמיטאָג סדר וואָס איך האַלט פערזענליך מיט פונדערנאָנט, למען האמת מ'האָט זייער אַסאַך געטראַכט צו דאָס קען אַרבייטן, אַז בחורים זאלן אַזויפיל לערנען און זיך פאַרהערן, און אילו לא ראיתי לא האמנתי, כ'האָב ממש נישט געגלייבט וואָס איך זעה אַז אַזויפיל בחורים פאַרהערן זיך צוויי-און-פערציג בלעטער גמרא בע"פ וואָספאַראַ יגיעה עצומה אַ בחור דארף אַריינלייגן דאָס צו קענען עררייכן, דאָס איז באמת צו נתפעל ווערן.

## בחורים ממש נישט צום דערקענען פון אָנהייב זמן!

ווען מ'רעדט איבער די מהות פון די בחורים, און צו בחורים אין ישיבה גדולה טוישן זיך נאָך אָדער מ'בלייבט שוין אַזוי ווי מ'איז, זאָגט אונז דער מגיד שיעור אַז יעדע שטיק צייט ווען מ'גייט איבער די התעלות פון די בחורים ווערט מען פריש איבערראַשט, וויפיל סתם פשוט'ע בחורים האָבן זיך געהויבן און געשטיגן, און בפרט ווען מ'קוקט צוריק סוף זמן אָדער סוף יאָר.

## מרביצי תורה מיט איין ציהל: אויפצובויען בחורים פאַר זייער לעבן, און מאַכן אַ נחת רוח פאַר'ן הייליג'ן רבי'ן!

ווען מיר פרעגן איבער ציהל וואָס אַ מגי"ש האָט ביים קומען לערנען מיט די בחורים, ענטפערט אונז דער מגי"ש מיט אַ אויסדרוק וואָס הרה"ג רבי שמעון עזריאל יחיאל לאווי שליט"א האָט געניצט ביים פאַראַנגאַנגענעם שבת התוועדות חברותא קדישתא, מ'הערט צומאָל אַז אַ ישיבה זוכט מגי"ש מיט לאַנגיעריגע עקספיריענס, אָבער אין אַזאַ צייט איז אַלעמאָל די קשיא פאַרוואָס זענען זיי אַוועקגעגאַנגען פון די ישיבה וואו זיי זענען געווען?!

דאָ ביי אונז אין דער ישיבה איז באמת טאקע דער מנהל שליט"א אַ לאַנגיעריגע מרביץ תורה און בקי בשדה החינוך מיט אַ שטאַרקע רעקאָרד פון הצלחה, און די זעלבע דער משפיע רוחני הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א טוט שוין יאָרן לאַנג מיט בחורים, אָבער די מגידי שיעור על פי רוב זענען יונגעלייט וואָס זענען געזיצן אין כולל און געהאָרעוועט פאַר אַ שיינע צאָל יאָרן, זיי זענען נישט געקומען אין ישיבה ווייל זיי האָבן פשוט געזוכט אַ פרנסה, נאר עס איז מיט אַ הייליגע ציהל מ'וויל האָבן די זכי' אויפצובויען בחורים און משפיע זיין אין זיי תורה ויראת שמים, אָדער איז עס מרביצי תורה וואָס זענען אַליין תלמידי הישיבה פון די פריער'דיגע יאָרן און זיי האָבן אַ געפיל און אַ וואַרעמקייט פאַר'ן הייליג'ן רבי'ן און פאר די ישיבה אין וואָס דער רבי האָט אַריינגעלייגט אַזויפיל כוחות, און זיי ווילן ווייטער קענען געבן פאַר די קומענדיגע דור די וואַרעמקייט און חסידישקייט וואָס זיי זעלבסט האָבן קונה שלימות געווען דאָ אין די ישיבה.

און דאָס זעהט זיך זייער שטאַרק אָן אויף די מגידי שיעור מ'זיצט און מ'טראַכט וואָס נאָך און וואָס מער מ'קען אַריינלייגן אין די בחורים, זיי נאָך מער דערהייבן און נאָך מער אויפבויען מוסיף והולך וואָס מ'קען טון נאָך מער מ'לייגט צו נאָך אַ חבורה, נאָך אַ אופן פון חזרה.

## פרישע חידוש היי-יאָר: יעדע צוויי וואָכן גייט מען איבער די התעלות פון יעדן בחור!

היי-יאָר האָט מען צוגעלייגט אַ פרישע שטאַרקע חידוש, אַז די מגידי שיעור זיצן יעדע צווייטע וואך מיט'ן מנהל, און דער מנהל גייט איבער די התעלות פון יעדן בחור, און מ'שמועסט אויס וואָס נאָך מ'קען טון פאַר די הצלחה פון דעם בחור, אַזוי אַז מ'קען אַזויפיל מער אָנקומען מיט יעדע בחור באַזונדער און מ'זעהט ב"ה די הערליכע פירות, מ'לייגט אַריין די גאַנצע כח און מח פאר די תכלית פון די בחורים, מ'קוקט נאָך און מ'באַגלייט די עליות און ירידות פון יעדע בחור, און מ'האַלט חשבון ווער עס קען נוצן אַ גוט וואָרט.

## פילצאַליגע סיומי מסכת דורך די בחורים!

ווען מיר פרעגן איבער בחורים וועלכע כאַפּן אַריין זייטיגע לימודים אין צוגאָב צו די סדרי הישיבה, זאָגט אונזער דער מגי"ש מיט אַ קענטיגע התרגשות אַז דאָ אין ישיבה איז זייטיגע לימודים זייער אויפגעכאַפּט ווען רובא דרובא בחורים האָבן זייטיגע מסכת וואָס מ'לערנט און כסדר קומען פאר שיינע מעמדי סיומי מסכת, וואָס דער מגיד שיעור זאָגט אונז אַז דאָס איז שטאַרק די אַרבייט פונעם חשובער משפיע הרה"ג רבי אלימלך לאווען שליט"א וועלכע שטופט זייער די בחורים דערצו. און ווי איך הער זאָגט מען כסדר נישט קיין תחנון צוליב די סיומי מסכת וואָס די בחורים פראַווענען נאָכ'ן דאַווענען.

## דער בחור גייט אונטערן חופה מיט אַ אוצר פון העכער 'טויזנט' בלאַט גמרא!

דאָס איז חוץ אַסאַך בחורים זענען אָנגעשלאָסן אין חבורת קובץ על יד, אַ אַלוועלטליכע מסגרת ווי מ'חזר'ט איבער די מסכת פון די פריער'דיגע יאָרן. אַ בחור אַ חתן האָט מיר פאַרציילט אַז ער האָט שוין אַריבער טויזנט בלאַט גמרא אין זיין אומר וואָס ער האָט געלערנט און גע'חזר'ט אין ראַם פון די מסגרת.

**עס איז פאַר אונז געווען אַ שעה של קורת רוח והנאה, צו קענען הערן אַזאַ רייכע שיעור פונעם מגיד שיעור, און מיר האָפן דאָס צו ברענגען פאַר'ן ציבור זיך צו דערקוויקן און באַקומען אַ פרישע בליק אַריין איבער די הויכע קאַליבער פון מרביצי תורה ויראה וועלכע באַוואַסערן אונזערע טייערע בחורים צו שטייגן מעלות רמות בתורה ויראת שמים.**




**בצלו חמדתי וישבתי ופריו מתוק לחכי.**

כמה מעלות טובות למקום עלינו, שטייענדיג נאָך אַזאַ מוצלח׳דיגע ווינטער-זמן בין כותלי הישיבה, ווי עס שיינט אַזוי אַרויס די הערליכע הצלחה פון די ישיבה, ווי די בחורים שטייגן בתורה ויראת שמים, איז געוויס צו פאַרדאַנקן דאָס וואָס די ישיבה געפינט זיך על אדמת הקודש אין קרית טאָהש יצ״ו.

דאָס פאר זיך אַז די ישיבה איז ווייט אַוועק פון די רוישיגע שטאט חוץ לישיבת כרכים קשים איז שוין אַ געוואַלדיגע דערגרייכונג, מ׳לעבט אין אַ ריינע לויטערע אַטמאָספערע, וואָס איז כל כולו תורה ויראת שמים, מיילן אַוועק פון די אַלגעמיינע גאַס, און עס געבט פאר די בחורים די מעגליכקייט זיך אָנצושעפּן פון די ריינע לויטערע קוואַל פון תורה.

זאת ועוד, אַז ווען מ׳קומט צו פאָרן פון ווייטע שטרעקעס מקיים צו זיין דעם הוי גולה למקום תורה, איז דאָס אַ געוואַלדיגע שליסל פאר די הצלחה און התעלות פון די בחורים. ווען אַ בחור לערנט נישט ווייט פון זיין היימשטאָט, שפּירט זיך דאָס אַז יעצט אויף די מינוט איז ער אין די ישיבה, אָבער וואוסנדיג אַז ער גייט כסדר אַהיים, איז דאָרט זיין קביעות׳דיגע פּלאַץ און דאָרט געפונט זיך זיין מחשבה, און די גאַנצע אָנוועזנהייט אין ישיבה איז נאָר פאַר די יעצטיגע



טאָג אָדער וואך ביז מ׳פאָרט קומענדיגע מאָל אַהיים.

ווען מ׳נעמט אָבער אַ גרויסע רענצל און מ׳פּאַקט זיך צוזאַם פאר אַ לאַנגע ווינטער זמן, און לכה״פ עטליכע חדשים וואָס מ׳וועט זיין אַוועק פון אינדערהיים, זאָגט דאָס זייער אַסאַך פון זיך פאר זיך, אַז מ׳לאָזט איבער די גאַנצע טאָג-טעגליכע לעבן ואיני דר אלא במקום תורה, מ׳פאָרט אַרויס אין די ישיבה צו לעבן די גאַנצע צייט בלויז מיט התעלות והתרוממות בתורה ובעבודה.

עלטערן קענען זיך נישט גענוג אָפּוואונדערן וויפיל דאָס האָט אויפגעבויעט זייערע בחורים, זייענדיג אַוועק פונדערהיים פאר אַזאַ לאַנגע תקופה, האָבן די בחורים אַזויפיל געשטיגן און געוואקסן מגודלים בתורה ועבודה, זיי האָבן אַזויפיל קונה געווען תורה וחסידות פון די מרביצי תורה שליט״א, וואוסענדיג אַז זיי זענען נישטאָ בדרך ארעי אויף ביז ווען עס קומט אונטער די קומענדיגע געלעגנהייט צו כאַפּן אַ טעקסי און אַהיימגיין, נאר זיי זענען דאָ כל כולו פאר די גאַנצע זמן זיך אָנצושעפּן און אָנזאַפּן מיט אַזויפיל קניני התורה.

די באַגריף פון אַוועקפאָרן לערנען אין אַ ישיבה איז נישט קיין נייע זאַך, אין אַלע יאָרן ווען מ׳איז געקומען אין די ישיבה יאָרן האָבן די עלטערן אַוועקגעשיקט די בחורים לערנען אין די באַרימטע גרויסע ישיבות, כדי די בחורים זאָלן זיין פולקאָם אויסגעפּלאָגט פון די עולם הזה, און זיין אַריינגעטון באוויר שכולו תורה.

אָבער דאָס אַלעס איז געזאָגט געוואָרן אין אַלגעמיין אויף בחורים, איבער די מעלה פון אַוועקפאָרן פון שטוב צו שטייגן אין תורה.

ווען די רעדע איז פון אנשי שלומינו תלמידי וחסידי טאָהש, טראָגט אָבער די ׳צא ולמד׳ אַ פילפאַכיג טיפערע און העכערע באַדייט.

עס איז גוט באַקאַנט ביי אנשי שלומינו ווי שטאַרק עס איז געווען רצון קדשו פון רביה״ק זי״ע, צו אויפשטעלן א ישיבה אינדרויסן פון די רוישיגע גאסן אין זיין הייליג שטעטל, די בחורים זאלן לעבן אין די געהויבענע אוויר, און אויף דעם אַוועקשטעלן די יסודות׳דיגע ימי הבחרות.

און ווי יעדער מאנ״ש ווייסט איז די ישיבה זאָגאַר געווען די אָריגינעלע ציהל פונעם מייסד זיין די שטעטל ״קרית טאָהש״, אַז דאָס זאָל זיין די אכסני׳ של תורה פאר די בחורים, און אָריגינעל איז די שטעטל געבויעט געוואָרן פאַר אַלעס אַרום די ישיבה, ווי דירות פאר די מגידי שיעור, און אַלעס אַרום, ביז ווען מיט די צייט איז דאָס געוואָרן די וואוינאָרט פאר הונדערטער חסידים ואנשי מעשה.

טראָץ וואָס די גרעסערע טייל פונעם רבי׳נס תלמידים וחסידים וואוינען טאקע אַרויס פון די קאַנאַדישע גרעניצן, הונדערטער מייל

אָפּגערוקט פון קרית טאָהש, האָט אָבער דער הייליגע רבי געזעהן אַ געוואַלדיגע תכלית ותועלת פאר די בחורים צו זיין סמוך על שולחנו אין זיין שטעטל, ווייל דאָ איז די הויפּטקוואַרטיר צו ווערן אויסגעפּאָרעמט מיט'ן גאַנצן חסיד'ישע וואַרעמקייט לה' ולתורתו.

די וואַרעמע קאָך און חסיד'ישע דערהויבנקייט וואָס רבינו הקדוש זי"ע האט אין אונז אריינגעלייגט, דאָס איז מען קונה דורכ'ן לערנען דייקא בישיבתו של רבי, און זיך אָנשעפּן מיט דעם ריינעם לויטערן אויר דקדושה וואָס רביה"ק זי"ע האָט אַוועקגעשטעלט אַז די בחורים זאלן לעבן דערמיט דורכאויס די גאַנצע זמן וואָס מ'געפונט זיך בין כותלי הישיבה.

די וואַרעמע קאָך און חסיד'ישע דערהויבנקייט וואָס רבינו הקדוש זי"ע האט אין אונז אריינגעלייגט, דאָס איז מען קונה דורכ'ן לערנען דייקא בישיבתו של רבי, און זיך אָנשעפּן מיט דעם ריינעם לויטערן אויר דקדושה וואָס רביה"ק זי"ע האָט אַוועקגעשטעלט אַז די בחורים זאלן לעבן דערמיט דורכאויס די גאַנצע זמן וואָס מ'געפונט זיך בין כותלי הישיבה.

די ישיבה אין טאהש איז טאקע א ריכטיגע בית אולפנא לתורה, וואו מ'איז קונה און מ'באַרייכט זיך מיט אומצאליגע קניני התורה, אבער פיל מער פון דעם איז מען קונה די ווארימע חסידישע אטמאספערע, צו לעבן מיט א ווארעמקייט און דערהויבנקייט צו א דאווענען, צו א שבת, צו א יום טוב, און צו יעדע דבר שבקדושה.

דאָס איז די רצון פון יעדער מאנשי שלומינו אַז די קינדער זאלן ווייטער באַקומען דעם וואַרימע תורה'דיגע אַטמאָספערע וואָס די ישיבה שטעלט מיט זיך פאר, ווערנדיג געפירט כל כולו אויף די יסודות וועלכע רביה"ק זי"ע האָט אַראָפּגעשטעלט, און ווערט ווייטער נמשך בגאון ובעוז דורך בנו וממלא מקומו בקודש יבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, און טראָגן מיט שטאָלץ דעם נאָמען פון אַ "אָריגינעלע טאָהש'ער תלמיד".

און טאַקע צוליב דעם וואָס די בחורים געפונען זיך במשך די גאַנצע זמן ווייט אַוועק פון די אייגענע היים, לייגט די הנהלת הישיבה אַריין שטאַרקע כוחות למען לא יחסר המזג, אַז די בחורים זאלן האָבן צוגעשטעלט אַלע הצטרכות'ער אויפ'ן שענסטן פאַרנעם, צו קענען לערנען און שטייגן מעלות רמות בתורה ויראת שמים, האָבנדיג אַלעס צוגעשטעלט אויף אַ גאָלדענעם טאַץ.

א באזונדערע התקשרות האבן די בחורים צום מייסד הישיבה מרן רביה"ק זי"ע, ווען מ'איז כסדר עוסק בספריו הקדושים, ובפרט אז מ'האט די זכי' צו לערנען און ממשיך זיין שאיפת ורצון קדשו אינעם עיר הקודש ווי עס איז די ציון המציונת, און די בחורים האבן די זכי' לבוא אל הקודש זיך אויסצוגיסן דאס הארץ ביים ציון הק' אויף סיי וועלכע ענין.

ובפרט קומט פאר יעדן ערב ראש חודש ביום המסוגל, א דערהויבענע מעמד התעוררות ביים ציון הק' פון רביה"ק זי"ע אינאיינעם מיט כ"ק רבינו שליט"א, ווי מען זאגט אויס גאנץ ספר תהלים, און מ'איז מתפלל מיט הייסע תפלות למען הכלל והפרט.

עס איז א חילוק פון הימל און ערד, ווען א בחור און יונגערמאן שפירט אז טאהש איז זיין ינוקא דקדושה, אדער ער שפירט אז דאס איז עפעס א ירושה ווי זיינע עלטערן האבן בסך הכל יונק געווען.

א בחור וואס לערנט זיינע בחור'ישע יארן אין טאהש, איז טאהש ביי אים נישט עפעס א באגריף וואס באלאנגט צום אמאל, נאר דאס איז עפעס וואס איז קאי וקיימי, זיין דאווענען איז אנדערש, זיין שבת איז העכער, זיין יום טוב איז דערהויבענער, זיין קדושה און שמירת עינים איז אויף א פילפאכיג העכערע פארנעם, ער זאפט אריין אין זיך אט דעם הייליגן גייסט, און מיט די ווארעמקייט וועט ער בעז"ה אוועקשטעלן זיין אייגענע שטוב, און ווייטער מחנך זיין די קינדער.

כמה מעלות טובות למקום עלינו! די ישיבה הק' איז ברייט באַרימט מיט די כח התורה והעבודה, וועלכע געבט אַרויס הערליכע פּירות מתוקים וועלכע איז אַ ברכה צו מאַכן, זייענדיג פון די שענסטע חסיד'ישע ישיבות בעולם הישיבות, אָבער אילו לא באנו אלא בשביל זה, אַז דאָס איז דעם רבי'נס ישיבה, און דאָס איז אונזער ריכטיגע אידענטיפיקאַציע אַלס טאָהש'ער תלמיד, דיינו!


כי טוב
יום
בחצריך
א טאג
אין די
ישיבה,

**ש**טייענדיג נאך א ענדע פון א גאנצע זמן, וועלכע איז פאריבער בין כותלי הישיבה מיט גרויס הצלחה, ווי די תלמידים זענען געשטיגן און געהארעוועט בסברות אביי ורבא, ווען מיר געבן די געלעגנהייט פאר'ן ברייטן ציבור אנשי שלומינו, צו כאפן א שפאציר צווישן די קארידארן פון ישיבה, צו קענען כאפן א נאנטע בליק וויאזוי א טאג גייט פאריבער צווישן די תלמידים.

# באשמורת הבוקר קדמנוך

אין די גאַסן הערשט נאָך אַ פולקאָמע שטילקייט און טונקעלקייט, אָבער נישט ביים בנין פון די ישיבה, ביי וועלכן עס שיינט שוין אַרויס אַ הערליכע וואַרימע ליכטיגקייט.

עס איז 5:45 פאַרטאָגס ווען אַ שטיק נאָסטאַלגיע שפּילט זיך דאָ אָפּ, וואַרימע חסידיש'ע בחורים קומען אַריין מיט'ן גאַרטל, די טראָפּלעך וואַסער רינען נאָך אַראָפּ פון די באָרד, נאָרוואָס אַרויסקומענדיג פון די מקוה, און מיט פאַרמאַכטע אויגן איז מען פאַרקאָכט אין אַ ערליכע ברכת התורה, נו קיין וואונדער אַז די גאַנצע טאָג ווייטער גייט נאָכדעם אַזוי געשמאַק.

די הילכיגע קול תורה הערט זיך שוין, אָבער 6:15 ווערט דאָס מער שטערקער און הילכיגער, עס הייבט זיך יעצט אן די אָפּיציעלע סדר הלימוד, שטייט דאָרט דער מרביץ תורה הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א משפיע רוחני בישיבתינו הק', וועלכע איז דער רוח החיים פון די גאַנצע פאַרטאָגס סדר אין ישיבה, ער באַגלייט דאָס מיט די גאַנצע קראַפטיגקייט, דאָס לערנען, דאָס דאַווענען, די וואַרימע לימוד ספרי חסידות פאַר'ן דאַווענען.

די פרישע גייסט פון לעבהאַפט וואָס עס גיסט זיך אַריין אין די בחורים ביים באַקומען די גוט מאָרגן פונעם רוח החיים הרה"ג רבי אלימלך שליט"א, דאָס געבט צו הערן איינער פון די סיבות פאַרוואָס עס איז דאָ אַזאַ פול געפּאַקטע ביהמ"ד ביים פאַרטאָגס סדר.

די הצלחה פון די לימודים ביים פאַרטאָגס סדר, איז אַ שיינע טייל די געוואַלדיגע כוחות וואָס די חשובע שו"מ לייגן און זענען גרייט און אויסגעקאכט אין די שיעורים צו ענטפערן אויף סיי וועלכע שוועריגקייט, הרה"ג רבי שניאור זלמן רובינשטיין שליט"א שו"מ לתלמידי שיעור א', און הרה"ג רבי יושע ניימאַן שליט"א שו"מ לתלמידי שיעור ב'.

במשך די סדר הלימוד פון פאַרטאָגס האָרעווען די בחורים אַריין אויף די לימודים אין מסכת בבא בתרא פרק גט פשוט, וואָס במשך די היי-יעריגע ווינטער זמן העעל"ט, האָט מען ביים פאַרטאָגס סדר אַליין קונה געווען 17 בלאַט גמרא, אַדורכגעלערנט מיט אַ שטאַרקע קלאָרקייט אין די לויטערע פאַרטאָגס שעות.

עס איז 5:45 פאַרטאָגס ווען אַ שטיק נאָסטאַלגיע שפּילט זיך דאָ אָפּ, וואַרימע חסידיש'ע בחורים קומען אַריין מיט'ן גאַרטל, די טראָפּלעך וואַסער רינען נאָך אַראָפּ



# איזהו עבודה שבלב

נאָכן אַריינהאָרעווען אַזאַ גוטע אַנדערהאַלבן שעה בלימוד התורה, גרופּירט זיך גרופּעס פון איידעלע בחורי חמד וואָס לערנען בחבורה אין ספרים הקדושים, מ'גרייט זיך צום דאַווענען מיט חסיד'ישע ספרים אַזוי ווי חסידים ואנשי מעשה האָבן תמיד געטון בעפאָר'ן דאַווענען.

עס קומט 8:00 און מיט אַזאַ ערענסטע דערהויבנקייט לייגט מען תפילין, וואָס פאָלגט נאָך מיט אַזאַ פלאַמעדיגע דאַווענען, וואָס די וואַרעמקייט שפּירט זיך אין די לופטן.

ואני תפלתי לך ה' עת רצון, די קאָך און ברען ביים דאַווענען הייבט זיך העכער און העכער מיט'ן גאַנצער טאָהש'ער פלאַם, אַזוי ווי רביה"ק זי"ע האָט תמיד געלערנט און געפּאָדערט, און ווערט ווייטער נמשך בגאון ובעוז דורכ'ן ראש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א, איי דאָס האַרץ קוועלט צו זען ווי עס וואַקסט אויף אַ פרישע לגיון של מלך, אן אַרמיי פון וואַרימע חסיד'ישע טאָהש'ער בחורים, אויף די זעלבע וואַרימע שטייגער ווי מיר זענען אויפגעוואַקסן אין די בחור'ישע יאָרן אונטער אַזאַ וואַרימע לויטערע אַטמאָספערע.

עס איז היבש מערקבאר אז די ווארעמע אויר וועלכע הערשט ביים דאווענען אין ישיבה איז נישט באגרעניצט בלויז צו חאניאקישע בחורים, נאר איז פונקט אזוי קולט אויף בחורים וועלכע קומען פון מער באלבאטישע שטיבער, יעדער ווערט מיטגעשלעפט מיט'ן געהויבענעם גייסט.

די בחורים ענדיגן זייער וואַרימע דאַווענען, ווען מערערע בחורים פאַרענדיגן נאָך פּריוואַטע בקשות און תפלות, ווען דער חשוב'ער משפיע שליט"א, שטעלט זיך ביים שטענדער און איז משמיע א טרעפליכע שמועס פאר די תלמידים, עס גיסט זיך דארט א ווארעמקייט צו תורה ויראת שמים, און א קאך און א ברען צו יעדע דבר שבקדושה אויפ'ן געהויבענע טאהש'ער דרך אין עבודת ה.

שפעטער ווען הרה"ג ר' אלימלך שליט"א האַלט אינמיטן צוזאַמלייגן די טלית ותפילין, זעהט מען ווי בחורים נוצן אויס די געלעגנהייט צו הערן א געשמאקע חיזוק-ווארט, ווען אנדערע בחורים קומען מער ספעציפיש זיך אויסשמועסן בעצה ותושי', און דער חשוב'ער משגיח הר"ר מרדכי הערשקאוויטש שליט"א מאכט זיכער אז אלעס קלאפט עצהיו"ט לתועלת התלמידים.

דערנאך ווערט צוגעגרייט א נארהאפטיגע פרישטאג אינעם לאָנטש-רום, ווי די בחורים מיט זייער אצילות'דיגע צורות שעפּן זיך אָן מיט פרישע כוחות צום ווייטערדיגן סדר היום.

עס קומט 8:00 און מיט אַזאַ ערענסטע דערהויבנקייט לייגט מען תפילין, וואָס פאָלגט נאָך מיט אַזאַ פלאַמעדיגע דאַווענען, וואָס די וואַרעמקייט שפּירט זיך אין די לופטן.

# בעומקה של תורה

דאן הייבט זיך אן די שטורעמישע פאַרמיטאָג סדר, ווי שיין איז צו זעהן אַ פול-געפּאַקטע ביהמ"ד און מ'איז פאַרטון אין אַ שיעור עיון מיט אַזאַ געשמאַק און חיות.

די חשוב'ע אויסגערופענע שיעור עיון מגידי שיעורים הרה"ג רבי יעקב סג"ל קרויס שליט"א ר"מ לתלמידי שיעור א' און הרה"ג רבי לייב קופטשיק שליט"א ר"מ לתלמידי שיעור ב' לערנען פאר דעם



שיעור עיון, און דערנאך זיצט מען ווייטער אין ביהמ"ד ווי מען איז זיך מפלפל בסברות אביי ורבא מיט די ביאורים פון די מפרשי הש"ס ראשונים און אחרונים, ווען די זייגער איז שוין 1:23 לערנט מען נאָך מיט די זעלבע פרישקייט ווי אָנהייב סדר, ממש אַ גלאַנציגע חידוש הפלא ופלא.

אין די צייט וואס ביי אונז גרייט מען זיך צו יו"ט פסח, אָבער ביי די בחורים איז שוין פעסט יום טוב סוכות זמן שמחתינו, מ'פילעוועט אַריין אין די סוגיות הגמרא פונעם ערשטן פרק במסכת סוכה, ווי במשך די פאַרלאָפענע ווינטער חדשים האָבן די בחורים אַדורכגעלערנט פולע לעבעדיגע סוגיות פון די ערשטע ניין בלאַט אין מסכת סוכה.

ווידער אַביסל אַרויפציר ביי די תלמידי שיעור ג' איז מען עוסק בשו"ע יו"ד ח"א הלכות טריפות, ווי עס גייט אויף הויכע טענער די פלפולי דאורייתא, ווען דער באליבטער מגי"ש הרה"ג רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן איז עומד בראש און באַגלייט די הצלחה אויף אַ שטאַרקע פאַרנעם.

נאָך חדשים פון מיה און פלאָג האָבן די תלמידי שיעור ג' אַצינד ביים סוף זמן זוכה געווען צו פאַרענדיגן צען פעסטע סימנים אין הלכות טריפות, פון סימן כ"ט ביז נאָך סימן ל"ח.

## איש את רעהו יעזורו

צו ריכטיג באַשרייבן וואָס עס שפּילט זיך אַלס אָפּ ביי אַ סדר הלימוד אין ישיבה, וואָלט זיך געפאָדערט אַ ביכל פאר זיך, צווישן אַנדערע איז מערקבאַר ווי בחורים מיט געבענטשטע כשרונות געבן זיך אָפּ צו לערנען און אַרויסהעלפן זייערע חברים, אַז יעדער בחור זאָל קענען גוט און געשמאַק.

# דער מנהל שליט״א: די קאָפּ און האַרץ פון די ישיבה

ישיבתינו הק' האָט זוכה געווען צו אַ באַזונדערע מעלה יתירה, אַז בראש שטייט דער באַגאַבטער מנהל רוחני הרה"ג רבי שמעון יחיאל ראטה שליט"א, חתנו יקירו פונעם אומפאַרגעסליכע געווייקטע תלמוד חכם, ממעתיקי שמועה הרה"צ רבי משה לייב ליבערמאן ז"ל מ'בעסערמין, ונכד כ"ק גאב"ד קאַרלסבורג זצ"ל בעל עמק תשובה, וואָס מיט זיין לאַנגיעריגע ערפאַרונג מיט בחורי חמד, הייבט ער אויף די גאַנצע קרן הישיבה צו העכערע שטאַפּלען, האַלטנדיג שטענדיג פאַר די אויגן אַז אין שיעור למעלה.

די ערשטע מאָל אין טאָג וואָס די בחורים באַגעגענען זיך מיט'ן מנהל שליט"א, איז באַלד אינדערפרי ביים אויפשטיין, ווען דער מנהל זעלבסט איז מעודד די בחורים צום פרישן טאָג לעבודת הבורא מיט זיין ליבליכע גוט מארגן, און פון דאָרט ביז ביינאַכט ווען מ'לייגט זיך, לעבן די בחורים מיט א שטאַרקע פערזענליכע קשר צום מנהל.

טראָץ וואָס די גאַנצע סדר והנהגת הישיבה ליגט אויף די מנהל'ס פלייצע, וכל דבר הקשה יביאון אליו, זעהט מען אָבער כסדר ווי דער מנהל לערנט בחברותא מיט איין אָדער עטליכע בחורים בענעזאַם די שיעורי הישיבה, און געבט אַריין אַ חיות און געשמאַק אין די סוגיות הגמרא מיט זיין קלאָרע הסברה.

עס איז באמת צום באַוואונדערן ווי אַזוי אין די זעלבע צייט וואָס די בחורים האָבן רעספעקט צום מנהל, שפירן זיך די בחורים אַזוי באַקוועם אויסצושמועסן סיי וועלכע ענין וועלכע איז זיי נוגע סיי לגבי די סדרי הישיבה און סיי אין זייער פריוואַטע לעבן, צו באַקומען עצה ותושי' און הדרכה ישרה אין יעדע ענין, ווען אַ בחור רעדט מיט'ן מנהל שפירט זיך עס ממש ווי ער איז די איינציגסטער תלמיד אין ישיבה, ווען דער מנהל איז דאָ בכל לבבו ובכל נפשו פאר דעם בחור.

מיט אַ שפּאַציר צווישן די שורות טישן אין ביהמ"ד, וועט דער מנהל באַלד אויפמערקן וועלכע בחור עס נויטיגט זיך אין אַ נייע חברותא, און דער מנהל וועט אים באַגלייטן און זיכער מאַכן אַז ער ווערט מסודר מיט אַ פאַסיגע חברותא.

די הורי הישיבה, וועלכע געפינען זיך ווייט אַוועק פון די שטח הישיבה, אַ שיין טייל עלטערן אין אַנדערע מדינות זאָגאַר, שפירן זיך אויך העכסט באַקוועם מיט'ן האָבן אין די קאָנטאַקטס די נומער פונעם מנהל שליט"א, ווען סיי ווען אימער עס איז דאָ עפּעס צו אויסשמועסן איבער די תכלית און התעלות פונעם בחור, איז דער מנהל דאָ מיט די פולסטע איבערגעגעבנקייט.



די שטאַרקע נאָנטשאַפט וואָס די בחורים האָבן מיט די איינגעשטעלטע איז עפּעס ממש אַ חידוש בעולם הישיבות, די בחורים זענען עפּעס אַזוי אָפן און גרייט אַריינצונעמען די עמערס פון תורה ויראת שמים

# מסוגיא לסוגיא באותו סוגיא

באַזונדער שיינט אַרויס דאָס אַז טראָץ וואָס די טאָג איז איינגעטיילט אין פיר באַזונדערע סדרי הלימודים, לערנט מען אָבער נישט פיר פרישע סוגיות, נאר עס איז ספּעציעל אויסגעשטעלט אַז מ׳זאָל שוין זיין היימיש אין די מקצועות פון די אַנדערע סדרי הלימודים, דאָס הייסט פאַרטאָגס לערנט מען בבא בתרא און נאָכמיטאָג אויך, ווידער פאַרמיטאָג לערנט שיעור א׳ און שיעור ב׳ מסכת סוכה, און שיעור ג׳ לערנט דאָס נאָכמיטאָג, און דאָס איז זייער זייער שטארק אויפגעכאַפּט ביי די בחורים, עס גיבט צו א שטאַרקע חשקת התורה.

אינטערעסאַנט איז צו צולייגן, אַז אַ שיינע טייל זענען נישט די מגי״ש ביי וועם אונז האָמיר געלערנט אַלס בחור, אַלע מרביצי תורה זענען דאָ היבש פרישע כוחות, נייע מרביצי תורה אויף זייער עבודת הקודש, און אַלע זענען מיט אַ זעלטענע חיות און פרישקייט וואָס גיסט זיך איבער אויף די בחורים, און זיי זענען באמת איבערגעגעבן אַזוי מיט׳ן גאַנצן אמת פאר די הצלחה פון די חשוב׳ע בחורים, און די שטאַרקע נאָנטשאַפט וואָס די בחורים האָבן מיט די איינגעשטעלטע איז עפּעס ממש אַ חידוש בעולם הישיבות, די בחורים זענען עפּעס אַזוי אָפן און גרייט אַריינצונעמען די עמערס פון תורה ויראת שמים וואָס די מגי״ש געבן אַריין אין זיי.

# ליתן ריוח בין סדר לסדר

נאָך שעות האָרעווען אויף תורה, וואָס די קול תורה הערט זיך אַרויס, גייען די בחורים אַריין אין עס-זאַל זיך דערקוויקן מיט אַ געשמאַקע מיטאָג מאָלצייט.

# תורת חסד על לשונו

אין ביהמ״ד בלייבט אַ שטיקל געווירבעל, וואָס עס שטעלט זיך אַרויס אַז דאָס איז דער גבאי פונעם קרן חתנים פון די ישיבה וועלכע רעדט צו עטליכע בחורים איבער ווייטער׳דיגע פלענער פונעם קרן אַרויסצוהעלפן די גליקליכע חתנים תלמידי הישיבה. און דערנאך שטעלט מען זיך דאווענען מנחה.

# צוריק אינעם ים התלמוד

גלייך נאָך מנחה הייבט זיך אן אַ פרישע סדר הלימוד, די בחורים האָרעווען אַריין מיט אַ געוואַלדיגע חשק און התמדה, דער אויג פאַלט

אויף אַ סצענע פון אַ העפטיגע פלפולי דאורייתא וואָס דער שיעור ב׳ מגי״ש הרה״ג רבי חיים סג״ל קרויס שליט״א האָט מיט זיינע תלמידים, זעהט אויס אַז די שיעור פשוט ווערט גאָרנישט געלערנט אַזוי ׳פשוט׳, נאר אויך מיט די ריכטיגע הבנה און פאַרשטאַנד.

ביי די תלמידי שיעור ג׳ דערקענט זיך אויף זייערע פנימ׳ער אַז זיי זענען טועם אַ טעם עולם הבא ביים איבערשמועסן מיט׳ן מנהל שליט״א די גמרא תוספות מסכת סוכה וואָס זיי לערנען ביים נאָכמיטאָג סדר, ווי במשך די ווינטער זמן האָט מען זוכה געווען אַדורכצולערנען גאַנץ מסכת סוכה.

צווישן די שיעור א׳ בחורים וועלכע זענען פאַרטיפט אין די גמרות, איז דער מגי״ש הרה״ג רבי יצחק נייהויזער שליט״א פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט אַ בחור, עס קוקט מער אויס ווי ער געבט אַ גוט וואָרט פאַר׳ן בחור, ווי איידער ער איז אים אַזוי לאַנג מסביר אַ שטיקל גמרא.

נאָך אַזאַ אָנגעפולטע זמן פון התמדת התורה האָבן די בחורים זוכה געווען צו ווערן באַרייכט מיט פרישע 23 בלאַט וועלכע מ׳האָט אַדורכגעלערנט ביים נאָכמיטאָג סדר, אין פרק יש נוחלין במסכת בבא בתרא.

## א ווארימע נאכטמאל

עס ווערט אַזוי זעקס אַזייגער, די בחורים גייען אַריין אין עס-זאַל ווי מ׳פאַרברענגט געמיטליך, ביי די טישן ווען מען דערקוויקט זיך דערביי מיט אַ וואַרימע נאַכטמאָל.

הגם ביי חסידיש׳ע בחורים לייגט מען נישט קיין גרויס געוויכט אויף די מאכלים, זעהט מען אָבער אַז אַלעס איז אַהערגעשטעלט גאָר רייך און געשמאַק, דורכ׳ן געטרייער מענעדזשער פון די ישיבה מוה״ר יחזקאל הערשקאָוויטש הי״ו, מ׳זעהט אַז דאָס קומט באַגלייט מיט פאַרשטענדעניש אַז די בחורים לעבן בלויז אין די שטח הישיבה און אַז אַ בחור בלייבט הונגעריג האָט ער אפילו

## בחורים בעלי הוראה!

יורה יורה כדת של תורה! אַ שטאַרקע געוויכט ווערט געלייגט בין כותלי הישיבה אַז במשך די דריי ישיבה גדולה יאָרן זאָלן די בחורים קונה שלימות זיין אין די גאַנצע מקצוע פון שולחן ערוך יורה דעה ח״א.

יורה דעה ח״א איז גוט באַקאַנט מיט איר לומדי׳שע סוגיות און סברות, און מיט אַ מאַגנאַטישע כח טוט דאָס אויפהייבן די התמדת וחשקת התורה, ליגענדיג בעומקה של הלכה פון אַזעלכע הערליכע סימנים, וועלכע ברענגען אַריין אַ ריכטיגע שמחת התורה ביי די בחורים.

די סדר הלימוד פון שולחן ערוך איז אין שיעור א׳ און שיעור ב׳ ביים ביינאכט סדר, וואָס דעמאָלטס איז מען שוין עטוואָס אָפּגעמוטשעט פונעם גאַנצן טאָג אָנגעזאַפּט מיט תורה, אַ פאַרטאָגס, אַ פאַרמיטאָג, און אַ נאָכמיטאָג, אָבער די לעבעדיגע סברות און פעסטע סימנים פון הל׳ בשר בחלב און הל׳ תערובות, ברענגען אַריין אַ פרישע חיות און לעבהאַפט, אַז די ביינאַכט סדר לעבט ווייטער מיט אַ שטאַרקע חשקת התורה, וכל העוסק בתורה בלילה חוט של חסד משוך עליו כל היום.

ווידער די אַנדערע צוויי מקצועות פון יו״ד ח״א; הל׳ מליחה און הל׳ טריפות, וועלכע זענען שוין עטוואָס לייכטערע סימנים ווי בשר בחלב און תערובות, ווערן געלערנט אין שיעור ג׳, ווען די פאַרמיטאָג סדר איז מיוחד אויף לימוד הל׳ טריפות, וועלכע ווערט אַראָפּגעלייגט מיט אַלע פרטים פון די בהמה אַז מ׳זאָל ריכטיג פאַרשטיין די מקצוע, און ביים ביינאַכט סדר אין שיעור ג׳ ווערט געלערנט הלכות מליחה.

עס ווערט אַריינגעלייגט שטאַרקע כוחות אין די סדר החזרות וועלכע ווערט באַגלייט מיט אַ שטאַרקע געטריישאַפט דורך די חשובע מגידי שיעור שליט״א, וואָס נאָכאַנאַנד חזר׳ט מען איבער די נייע לימודים אין צוגאָב צו די פריער׳דיגע מקצועות, אַזוי אַז ווען מ׳ענדיגט בסייעתא דשמיא אַלע פיר מקצועות אין שיעור ג׳ איז אַלע פיר מקצועות מונח בקופסא ותלמודו בידו.

ווי גרויס איז די שמחה ווען די תלמידי הישיבה זענען זוכה לכתרה של תורה, צוזאַמצונעמען די גאַנצע מקצוע און זיך שטעלן צום פאַרהערער ביי כבוד הרבנים הגאונים שליט״א, און דערנאָך נתעטר ווערן בכתר הוראה, עס איז אַ אומבאַשרייבליכע סיפוק און חיזוק ווען מ׳האָט זוכה געווען צו קונה זיין אַזעלכע פעסטע קניני התורה.

באזונדער האבן צענדליגער חתנים יוצאי ישיבתינו הק׳ זוכה געווען לקראת יום חתונתם ויום שמחת לבם, צו פייערן בשבח והודאה אינאיינעם מיט׳ן באקומען די כתר ההוראה נאכ׳ן זיך פאַרהערן די הוראה ביי די רבנים שליט״א, עס איז נישט שייך אראפצולייגן ווי שיין עס איז אוועקצושטעלן א שטוב על אדני התורה, ווען מ׳נעמט זיך אהיים פון די בחור׳ישע יארן אזא טייערע ווערדפולע אוצר, אשריכם תלמידי חכמים.

**יורה יורה, במקצועות התורה!**



> ווען מ׳קוקט אריין פון די טונקעלע גאס צו די לעכטיגע היכל הביהמ״ד, קען זיך דאַכטן לויט די התמדה גראַד מיט וואָס די בחורים לערנען אַז יעצט איז ממש דאָס ערשטע מאָל וואָס זיי לערנען

נישט קיין צווייטע אָפּציע וואו צו גיין, דעריבער ווערן די מאכלים אין די ישיבה אַהערגעשטעלט אויפ׳ן העכסטן סטאַנדאַרט און געשמאַקסטע טעם, צו געבן די ריכטיגע כוחות און ענערגיע פאַר׳ן ווייטער׳דיגע סדר היום.

## בעומקה של הלכה

די נאַכטמאָל איז אַזאַ קיצור שו״ע, אום 7:00 אַזייגער הייבט זיך אן די נאַכט סדר, וואָס דאָס איז ווייטער אַ פעסטע סדר פון צוויי שעה וואָס די בחורים האָרעווען אַריין ביז 9:00, ווען מ׳קוקט אריין פון די טונקעלע גאס צו די לעכטיגע היכל הביהמ״ד, קען זיך דאַכטן לויט די התמדה גראַד מיט וואָס די בחורים לערנען אַז יעצט איז ממש דאָס ערשטע מאָל וואָס זיי לערנען, מיט אַזאַ חיות און פרישקייט לערנט מען, כאָטש מ׳האַלט שוין יעצט נאָך אַ גאַנצע פולע טאָג פון לערנען, דינערט א קול תורה, מ׳לערנט מיט א מורא׳דיגן חיות, עס איז ממש א טעם גן עדן.

ביינאַכט לערנט מען שו״ע יורה דעה ח״א, וואָס די זיסע טעם פון די לעבעדיגע סוגיות און טיפע סברות ליגט נאָך אין די ביינער פון די בחור׳ישע יאָרן, שיעור א׳ און שיעור ב׳ לערנען הלכות תערובות, אונטער די באַגלייטונג פון די געטרייע מרביצי תורה ומגי״ש הרה״ג רבי זאב ראָזענבוים שליט״א חדב״ן און הרה״ג רבי יונה פישער שליט״א מו״ץ, בשעת ווען שיעור ג׳ וועלכע האָט שוין אין די פריער׳דיגע יאָרן אַדורכגעלערנט בשר בחלב און תערובות, לערנט יעצט די מקצוע פון הלכות מליחה, אונטער די באַגלייטונג פון חשובער מגי״ש הרה״ג רבי אלחנן חיים כ״ץ שליט״א נכד רביה״ק זי״ע.

במשך די לאַנגע ווינטער-נעכט, וואָס צדיקים האָבן געזאָגט אַז דאָס האָט אַ ספּעציעלע קדושה, האָט מען זוכה געווען אדורכ-צו-אקערן הדק היטב הלכות תערובות פון סימן צ״ח ביז נאָך סימן ק״ב, וואָס יעדע סעיף איז אַ פעסטע סוגיא פאר זיך, און זיך געשטעלט צום פארהער דערויף.

## והיה לפנות ערב

נאָכ׳ן הערליכן סדר הלימוד דאַווענט מען אַ וואַרימע תפלת מעריב מיט וואָס א גייסטרייכע טאָג קומט צו אַ ענדע, ווען די משגיחים וואָס באַגלייטן די דאָרמעטאָרי מיט אַ עינא פּקיחא קומען אריין אין ישיבה מיט א פרישקייט, איינער איז געשטעלט ביים אָנהייב פונעם נאַכט ווען ער מאַכט זיכער אַז מען לייגט זיך באַצייטנס, און די אנדערע דרייען זיך אַרום במשך די נאַכט שעות צו פאַרזיכערן אַז אַלעס שלאָפט כשורה.

דאָס איז אַלעס נאר אויפ׳ן שפּיץ גאָפּל, אַסאַך טינט איז נאָך פאַרבליבן אינעם פעדער צו שרייבן וועגן א תורה׳דיגע טאג אינעם בית אולפנא, אָבער דאָס וועט שוין מוזן זיין ביי אַ קומענדיגע געלעגנהייט בעז״ה.




חבר חבורה אית ליה

# די עולם החבורות

צווישן די שפאַלטענעס פון

התורה נקנית בחבורה! דאָס איז די תירוץ אויף די פליאה עצומה ווי אַזוי די בחורי חמד תלמידי ישיבתינו הק׳ זענען אַזוי מצליח קונה צו זיין קניני התורה, דאָס איז צו פאַרדאַנקן די הערליכע נאָבעלע חבורות וועלכע פונקציאָנירן לשם ולתפארת בתוככי ישיבתינו הק׳.

אינו דומה מועטין העושין למרובין העושין, די כח הרבים וועלכע נעמען זיך צוזאַם אינאיינעם צו סיי וועלכע דבר טוב האָט אַ אומבאַגרייפליכע כח, און טוט שאַפן אַ אויסטערלישע מאָמענטום, זאַכן וואָס האָבן אויסגעקוקט בעפאָר אַלס אוממעגליך צו קענען פאַסירן ווערן אַ פאַקט דורכ׳ן ברייטן כח, און אָט דאָס איז די געדאַנק פון די הערליכע חבורות וועלכע שפרודלן בתוככי ישיבתינו הק׳.

הפסח אינו נאכל אלא בחבורה, אַלזאָ לכבוד יו״ט פסח ווען דער ציבור באַקומט אַ בליק אַריין מהנעשה והנשמע בתוככי ישיבתינו הק׳, לאָמיר כאַפן אַ בליק צווישן די שפאַלטענעס פון אָט די הערליכע חבורות.

## חבורת חיינו

כי הם חיינו! חבורת חיינו איז כשמו כן הוא אַ שטיק חיות און לעבן פאַר די חשובע בחורים, די חבורה איז געשטעלט איבערצו׳חזר׳ן יעדע וואך די לימוד שיעור פשוט אין גמ׳ מסכת בבא בתרא וואָס ווערט געלערנט ביים סדר אחצ״ה.

די סדר החבורה איז אויף עטליכע דרגות פון חזרות, צוערשט חזר׳ט מען איבער יעדע וואָך די לימודים פונעם פאַרגאַנגענעם וואָך, און דערנאָך פון אַ וואָך פריער, אַ חודש פריער, און אַזוי זאַמעלט זיך אן אַ הערליכע אוצר פון בלעטער גמרא וועלכע זענען מונח בקופסא וועלכע שטייגט נאר העכער מיום ליום ומחודש לחודש.

די ציל פון די חבורה איז אז סוף יאר ווען עס קומט די צייט איבערצו׳חזר׳ן די לימודים פון די גאנצע יאר, זאָל מען עס טאַקע דאַרפן בלויז איבער חזר׳ן, אָבער עס זאָל זיין פריש אין מח מיט אַ שטאַרקע קלאָרקייט און די חזרות זאלן זיין געשמאַק און געשמירט, נאָכדעם וואָס מ׳איז שוין היימיש און באַקאַנט מיט די אַלע צענדליגער בלעטער גמרא.

בד בבד ברענגט די חבורה די געוואַלדיגע תועלת אַז אַזוי ווי מ׳פאַרהערט זיך כסדר ביי די מגידי שיעור די חזרות אויף אַ אופן פון שקלא וטריא מיט אַ קלאָרע סך הכל פון די גמרא, ברענגט דאָס אויטאָמאַטיש אַז ביים לערנען לכתחלה די גמרא און נאָכמער ביים חזר׳ן זאָל מען דאָס שוין גלייך לערנען און חזר׳ן אויף דעם אופן, וואָס אַזוי איז מען שטאַרק קונה די לימודים בקנין עדי עד.

די לימוד החבורה ווערט געלערנט אין די זייטיגע זמנים שלא בסדרי הישיבה, און איינמאל אפאר וואכן גיבט מען אוועק איין סדר נאכמיטאג ווי מ׳חזרט איבער אלע בלעטער פון די פארלאפענע וואכן.

די הערליכע חבורה האָט אויף אַ אויסטערלישע פאַרנעם אויפגעהויבן די לימודי שיעור פשוט אויף גאָר א הויכע פאַרנעם, אַנדערש ווי שיעור עיון וועלכע איז אַ טיפע לימוד מיט די פולע קאָנצענטראַציע און גייט אַזוי אַריין אין די ביינער, איז אָבער שיעור פשוט אין אַ געוויסע אופן מער אַ לימוד בכמות, אָבער אַצינד מיט די חבורה חיינו איז עס געוואָרן אַ שטאַרקע חפצא, ווייל מ׳האַלט דאָ כסדר אין איין לערנען חזר׳ן און פאַרהערן, וחוזר חלילה נאָכאַמאָל לערנען, נאָכאַמאָל חזר׳ן און נאָכאַמאָל פאַרהערן, וואָס דאָס ברענגט אַז שוין ביים ערשטן מאָל לערנען זאל דאָס געלערנט ווערן כמו שכתוב.

## חבורת קנין שלם

שלום רב לאוהבי תורתך! אינערהאַלב די הערליכע ״חבורת קנין שלם״ זענען די בחורים זיך קונה שלימות אין די לימודים פון שיעור פשוט במסכת בבא בתרא, דאָס טייטש אַז אויסער ווי פריער אויסגעשמועסט האָט די חבורת חיינו געברענגט אַ שטאַרקע הרמת קרן התורה פאַר׳ן לימוד שיעור פשוט, מיט׳ן עס לערנען און צוזאַמנעמען אַז עס זאָל זיין מונח בקופסא, טוט עס אָבער די חבורת קנין שלם אַרויפטראָגן צום קומענדיגן שטאַפל.

אינדערצייט וואָס די חבורת חיינו איז באַזירט אַז סוף זמן זאָל זיין ותלמודו בידו די לימודי שיעור פשוט פונעם גאַנצן

זמן, איז די חבורת קנין שלם באַזירט אַז מ'זאָל קונה שלימות זיין אין די גאַנצע מסכת, אַזוי ווי מסכת בבא בתרא איז אַ גרויסע רבי'שע מסכת מיט פאַרצווייגטע לעבהאַפטיגע סוגיות און עס ווערט נישט אַדורכגעלערנט ביים סדר שיעור פשוט אין בלויז איין יאָר, איז דאָס איינגעטיילט אַז אין לויף פון צוויי יאָר ביים סדר שיעור פשוט, אין שיעור א' און אין שיעור ב', לערנט מען אַדורך די גאַנצע מסכת בבא בתרא.

אָבער זייענדיג אַזאַ ווייטע מרחק פונעם אָנהייב ביז'ן סוף, איז אַהערגעשטעלט געוואָרן די חבורת קנין שלם, אַז אינעם צווייטן יאָר פון לימוד המסכת, דאָס הייסט ביי די תלמידי שיעור ב', איז דאָ די חבורה צו איבער חזר'ן אויף די לימודים וועלכע מ'האָט שוין געלערנט גע'חזר'ט און זיך פאַרהערט אין שיעור א', און אַזוי האָט מען סוף שיעור ב' דעם ריזן ווערדפולע אוצר פון גאַנץ מסכת בבא בתרא אַדורך אַדורך אין די הענט.

ווי פאַרשטענדליך אַז נאָכדעם וואָס מ'האָט שוין פאַריאָר אַריינגעלייגט אַזויפיל כוחי כוחות צו חזר'ן די נייע בלעטער גמרא, גייט דאָס פילפּאַכיג מער געשמירט ביים חזר'ן אין שיעור ב' און דאָס פאָדערט שוין נישט אַזויפיל צייט ווי אין שיעור א'.

צוויי מאָל אַ זמן איז דאָ אַ וואָך, וואָס דאַן איז די גאַנצע נאָכמיטאָג סדר מוקדש ומיוחד פאר חזרת הלימודים אינערהאַלב חבורת קנין שלם, באַקאַנט ביי די תלמידי הישיבה אַלס "שבועת קנין שלם", וואָס במשך די וואָך איז אַ בחינה פון חוזר חזרה ווי מ'חזר'ט איבער גאַנצע 42 בלאַט גמרא וועלכע מ'האָט גע'חזר'ט אינערהאַלב די חבורה במשך די פריער'דיגע 10 וואָכן, ודברת ב"ם.

יעדע וואך איז דא א בחינה בכתב בע"פ אויף די פאר בלאט פון די שיעור השבוע, און נאך די גרויסע חזרה פון אלע 42 בלאט פאַרהערט מען זיך ביי די מגי"ש די גאנצע 42 בלאט שקלא וטריא בע"פ! אין שמחה כשמחת התורה שפיגלט זיך אַזוי לעכטיג אָפּ ביי די סצענע ווען די בחורים שטראַלן פאר שמחה, און פון זייערע פנימ'ער שרייט זיך אַרויס וואָספאַראַ גייסטרייכע קניני התורה זיי האָבן זיך דאָ איינגעקויפט.

אָבער די שמחה איז נאָך פריצייטיג, און בלויז אַ טעימה קלה.

די ריכטיגע שמחה איז ווען עס קומט אן סוף יאָר, און נאָך שווערע הונדערטער שעות פון חזרות ע"ג חזרות פון צוויי גאַנצע יאָר, סיי אין ראַם פון די חבורת חיינו און סיי אין ראַם פון די חבורת קנין שלם, שטעלט מען זיך צום פאַרהער אויף די גאַנצע מסכת פון קרוב צו 200 בלאַט גמרא וואָס מ'קען ישר והפך, הזורעים בדמעה ברנה יקצורו!

# חבורת חוזר וניעור

ווי פאַסיג טראָגט די חבורה די נאָמען 'חוזר וניעור', אַ וואָרט וועלכע איז גוט באַקאַנט ביי די תלמידי הישיבה וועלכע לערנען און האָרעווען שולחן ערוך יורה דעה ח"א, וועלכע קומט היבש אַריין ביים לערנען הלכות תערובות.

אָט די חבורה איז אַוועקגעשטעלט מיט'ן ציהל אַז די בחורים זאָלן קענען צוזאַמען קובץ על יד ירבה אַלע פיר צענטראַלע מקצועות פון יורה דעה ח"ב, און דערמיט זיך משלים זיין אין די מקצוע און נאָכדעם זוכה זיין צום יורה יורה כדת של תורה.

אַזוי ווי די מקצועות ווערן געלערנט אין לויף פון די דריי שנות הישיבה גדולה, דעריבער כדאי ביים דריטן יאָר זאָל מען נאָך געדענקן ווי מ'האָט אָנגעהויבן... איז די איינציגסטע מהלך נאָכאַנאַנד צו חזר'ן דאָס וואָס מ'האָט שוין אַדורכגעלערנט אין די פריער'דיגע יאָר.

די סדר ביי די לימוד הלכה איז אז איין יאר לערנט מען הל' בשר וחלב די נעקסטע יאר תערובות, און אין שיעור ג' ענדיגט מען הל' מליחה און הל' טריפות.

און אַזוויוי די קנין שלם חבורה ארבעט די חבורה חוזר וניעור ביי די לימודי הלכה, אז די שיעור ב' בחורים לערנען איבער די לימודים פון פאריאר און מ'פארהערט זיך עס ביי די מגי"ש, און סוף זמן איז דא א בחינה פון גאנץ בשר וחלב.

ובכן אבוא אַז אין שיעור ג' ווען מ'איז משלים הל' מליחה און הל' טריפות, איז מען זוכה דאָס נאָכדעם צו צוזאַמנעמען און זיך פאַרהערן, און באַקומען די יקר וגדולה פון אַ כתר הוראה.

## חבורת סוכת שלם

ופרוס עלינו סוכת שלם! אין אַ פרישע באַנד חידוש"י תורה וואָס עס לעבט זיך אין די ישיבה להרמת קרן התורה, איז דאָ די הערליכע חבורת סוכת שלם, וועלכע טראָגט דעם ציהל משלים זיין די גאַנצע יו"ט'דיגע מסכת סוכה.

די סדר איז אויסגעשטלעט אז יעדע צוויי יאר לערנט מען ביי שיעור עיון די ערשטע פרק אין מסכת סוכה, ממילא די תלמידי שיעור א' וועלכע זענען דאָך נאָכנישט קיין חלק פון די חבורות "חוזר וניעור" און "קנין שלם", האָבן די הערליכע חבורת סוכת שלם וואָס אין ראַם פון די חבורה טוט מען אין די זייטיגע זמנים משלים זיין די איבריגע פרקים פון די מסכת.

יעדע וואָך איז דאָ אַ באַשטימטע שיעור, וואָס די בחורים לערנען און חזר'ן אין זייערע זייטיגע זמנים, און סוף וואָך איז דאָ אַ בחינה בכתב בע"פ, ביי וועלכן מ'שניידט די פירות פון די האָרעוואַניע.

ווען עס קומט סוף זמן חזר'ט מען איבער אַלע בלעטער פון די גאַנצע זמן, וואָס דאָס האָט אַ באַזונדערע טעם און חביבות המצוה, נאָכדעם וואָס נישט נאר די חזרות דערויף איז פאָרגעקומען אין די זייטיגע זמנים, נאר אויך די עצם הלימודים איז פאָרגעקומען אין די אייגענע פריוואַטע זמנים, וואָס אויטאָמאַטיש איז די ברנה יקצורו אויף אַ פילפאַכיג ברייטערע פאַרנעם.

ווי דערהויבן איז די זמן שמחתינו, סוף יאָר ווען מ'גרייט זיך צום יו"ט סוכות באספף את תבואת מעשיך, און מ'איז זוכה איבער צו חזר'ן די גאַנצע מסכת, און אַריינקומען אינעם יו"ט סוכות מיט מסכת סוכה ותלמודו בידו, איי איז דאָס אַ דערהויבענע יו"ט סוכות, האָבנדיג אַ ריכטיגע נאָנטשאַפט און באַקאַנטשאַפט מיט אַלע סוגיות החג.

חברים 'כל' ישראל;

# חבורות אויסגעשטעלט יעדער בחור זאל קענען מיטשטייגן אינאיינעם!

אין די זעלבע צייט וואָס די עצם חבורות טראָגט מיט זיך אַ שטאַרקע חידוש, איז דאָס אָבער אַ חידוש ע"ג חידוש, ווען נישט נאר עס איז אַוועקגעשטעלט אַז מ'זאָל קונה זיין די קנינים אויף וואָס די חבורה איז באַזירט, נאר עס גייט נאָך אַסאַך ווייטער, אַז אין די חבורות אַליין איז דאָ עטליכע דרגות, אַזוי אַז אפי' אַ בחור וועלכע האָט נישט די כשרונות אָנצוקומען צום העכסטע דרגא, זאָל קענען מיטהאַלטן לפי דרגתו ובחינתו, און כאָטש חזר'ן גרויסע חלקים פון די מסכת, אַזוי אז קיינער זאל נישט ארויספאלן פון קונה זיין די מסכת אדער מקצוע בשלימות גמור.

און כאָטש וואָס די חשובע מגידי שיעור שליט"א האָבן שוין לאַנגיעריגע ערפאַרונג מיט די חבורות, האַלט מען אָבער די אויגן אָפן צו זען וואָס נאָך מ'קען טון מער צו הייבן די חבורות און פאַרזיכערן אַז יעדער בחור טרעפט זיין פּלאַץ אינערהאַלב די חבורות, און יעדע יאר לייגט מען אריין מער כוחות אין אלע חבורות, מ'קוקט פון פאריאר וואס מ'קען בעסער מאכן, און בחורים קומען אליין פאדערן, אז זיי ווילן מער און מער, מער לערנען מער חזר'ן בעסער פארהערן.

## חבורת ליל שישי

והיה בליל שישי והכינו את אשר יביאו! יעדן ליל שישי קומט פאר די הערליכע חבורת ליל שישי, ווי די בחורים מאַכן די פאַסיגע הכנה דרבה מקבל צו זיין פני שבת מלכתא, מידי שבוע בשבוע קומט מען זיך צוזאַם ליל שישי צו מאַכן די פאַסיגע הכנה צום שבת קודש, ווי מען פאַרברענגט בחבורה אין אַ געהויבענע חסידישע גייסט, מ׳גרייט זיך צום שב״ק מיט שיינע חסידישע ווערטער אויף די פרשה ומענינא דיומא, און וואַרימע שירות ותשבחות וועלכע וועקן אויף די נשמה סטרונעס צו אַנטפאַנגן דעם שבת מלכתא.

די חבורות קומען טאַקע פאר נאר אום ליל שישי, אָבער די השפעה דערפון שפירט זיך גוט אין די אויר הישיבה במשך די גאַנצע ששת ימי המעשה, ווען די בחורים שעפן דערפון אַזויפיל חיות, און וואַרטן שוין די גאַנצע וואָך מתי יבוא לידי צום קומענדיגן ליל שישי.

## חבורת ספרי חסידות

יעדן טאָג שיינט די וואַרימע אור פון רבותיה״ק תלמידי בעש״ט הק׳ זי״ע, ווען די בחורים פילעווען זיך בלימוד ספרי חסידות וספרי עבו״ע יעדן אינדערפרי בעפאָר׳ן דאַווענען, מאַכנדיג דערביי די ריכטיגע הכנה דרבה צום דאַווענען. ווערנדיג באַגלייט דורכ׳ן חשובער משפיע רוחני הרה״ג רבי אלימלך סג״ל לאַווען שליט״א.

באַזונדער לקראת די ימים טובים און יומא דפגרא איז מען עוסק בספרי חסידות מעניני החג אַריינצוקומען אינעם יו״ט מיט די ריכטיגע באַדייט און אַ חסידישע טעם.

## חבורת ש׳תיקה ב׳שבת ת׳ענוג

שמור לקדשו מבואו ועד צאתו! די קדושת שבת אין ישיבה שפירט זיך אין די לופטן צווישן די בחורים, מיט די הערליכע חבורה וועלכע איז נתייסד געוואָרן צווישן די תלמידי הישיבה צו נזהר זיין במשך השבת קודש פון רעדן דברים בטלים אין אָט די הייליגע שעות ווען מ׳איז זוכה צו די נשמה יתירה.

ווי העכער און מער דערהויבן איז די גאַנצע שב״ק ווען די שפּראַך צווישן די בחורים איז מלא תוכן, ממש אַ עונג רוחני מיטצוהאַלטן ווי די בחורים הייבן זיך בקדושת שבת המתאחדת בתורתך.

## חבורת הכנה לתפלה

די געהויבענע ערענסטע גייסט וועלכע שפירט זיך אינדערפרי פאַר׳ן דאַווענען בהיכל הישיבה, און די נאָכפאָלגענדע פייער׳דיגע תפלת שחרית בשלהבת אש קודש, איז אַסאַך צו פאַרדאַנקן די געהויבענע חבורה פון תלמידי הישיבה וועלכע רעדן נישט קיין שום דיבור חול בעפאָר׳ן דאַווענען, וואס כידוע אַז הרה״ק רבי מענדל׳ע מרימנוב זי״ע האָט געזאָגט אַז מיט דעם איז מען מדחה בידים די יראת שמים.

## חבורת חומש רש״י

אַ גרויסע צאָל תלמידי הישיבה זענען אָנגעשלאָסן אין די חבורת חומש רש״י אַדורכצולערנען די גאַנצע סדרה חומש מיט רש״י מידי שבוע בשבוע, וואָס עס איז ידוע וואָס הרה״ק רבי מרדכי׳לע מ׳נאדבורנא זי״ע האָט געזאָגט אַז מ׳לערנט חומש רש״י ווייסט מען וואו דער אייבערשטער וואוינט, און צדיקים האָבן געזאָגט אַז דאָס איז די גרעסטע סגולה אויף יראת שמים.

במשך די וואָך זענען די בחורים עוסק בלימוד חומש רש״י אין די פרייע זמנים, ובפרט עש״ק און שב״ק די יומא דאורייתא, און יעדן זונטאָג קומט פאר אַ בחינה בכתב בהיכל הישיבה, ווי אַ גרויסע צאָל תלמידי הישיבה שטעלן זיך צום פאַרהער און ערהאַלטן שפעטער די מתן שכרה בצידה.

## חבורת אזמר בשבחין

רעדנדיג פון די הערליכע חבורות וועלכע זענען אַרויס פון די אַלגעמיינע סדרי הישיבה, אָבער זאָגט און פאַרציילט פון זיך זייער אַסאַך וועלכע התנהגות און השגות עס איז דאָ בהיכל הישיבה, איז ווערד צו דערמאַנען איבער אַ הערליכע חברי׳ מתלמידי הישיבה, וועלכע האָבן אַהערגעשטעלט דעם חבורת אזמר בשבחין.

די היכל הנגינה מיט אירע שטאַרקע כוחות זענען גוט באַקאַנט, וזה לעומת זה אין די היינטיגע וועלט ווען די גאס איז פאַרפלייצט מיט אַלע סאָרט נגינה למיניהם, ווערט אַריינגעלייגט שטאַרקע כוחות די דורך די חבורת אזמר בשבחין אַריינצוברענגען וואַרימע שיינע חסידישע נגינה, וועלכע ווערט געזינגען ביי די שבתים ומסיבות בהיכל הישיבה, און באַזונדער ביי די מאורעות בצל הקודש.

## חבורת אנא עבדא

אין די ימי השובבי״ם שיינט מיט אַ תוספות אורה די הערליכע ״חבורת אנא עבדא״, ווי מ׳נוצט אויס די געהויבענע וואָכן וועלכע איז מיוחד אויף תיקון המדות זיך צו הייבן מיט אַ קרבת אלקים דורכ׳ן אַרבעטן אויף די שבע מידות כמבואר בספה״ק.

די סדר החבורה איז אויסגעשטעלט אַז אין יעדע פון די שובבי״ם וואָכן אַרבייט מען אויף אַנדערע קבלות טובות וועלכע האָט אַ שייכות מיט די מדה פון יענע וואָך, און עס קומט פאר הערליכע דרשות דורך די מגידי שיעור שליט״א צו אָנוואַרעמען די הערצער ליראה ולאהבה את ה׳ און שטייגן מעלות רמות, און צוגאב צו די מבצע פון מרבה זיין שעות לימוד התורה ברציפות.













# בין כותלי הישיבה





















**וַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְשַׁבֵּחַ וְאוֹמֵר מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת!**

׳אַ שבת אין ישיבה׳ איז ריכטיג מעין עולם הבא. ווי דערהויבן די וואָך איז, אַלס העכער און דערהויבענער איז דער שב״ק וועלכע איז די שפּיץ פון די וואָך. ווי טייטש זיך דאָס נאָך אָפּ אַזוי קריסטאַל-קלאָר ווי ביי די בחורים וועלכע זענען די גאַנצע וואָך אַזוי אַריינגעטון בעומקה של תורה, אין אַזאַ ריינע לויטערע אַטמאָספערע פון די ישיבה, ווייט ווייט אַוועק פון די אַלגעמיינע גאַס, באַשיידן אָפּגעזונדערט אין שטעטל אין קרית טאָהש, און ווייסן נישט גאָרנישט אויסער זייערע ד׳ אמות של הלכה, ביי זיי ווען עס קומט אַ דערהויבענע שב״ק איז דאָס ריכטיג ביום השביעי נתעלה.

די באקאנטעווארט אז טאה״ש איז די ר״ת א ט׳עם א׳ינעם ה׳ייליגן ש׳בת, קומט ארויס מיט די שענסטע פארבן און קאלירן יעדן שבת ביי די חשובע בחורי חמד תלמידי הישיבה.

אַלזאָ נאָך אַזאַ דערהויבענע ווינטער זמן, מיט אַזעלכע געהויבענע שבתים וואָס די בחורים האָבן פאַרברענגען בנועם השבת בין כותלי הישיבה, לאָמיר ברענגען פאר אנשי שלומינו לכבוד יום טוב אַ לעבעדיגע איבערזיכט אויף די הערליכע שבתים בתוככי הישיבה.

## אַ גאַנצע וואָך שבת

ריכטיג גערעדט, די שבתים אין ישיבה הייבן זיך נישט אן עש״ק ביים זמן פון ליכט צינדען, עס קומט שוין נאָך אַ וואַרימע הכנה דרבה פון אַ גאַנצע וואָך זיך גרייטן בלימוד התורה, און זייענדיג תלמידי חכמים בבחינת שבת, שפּירט זיך די גאַנצע וואָך די השפּעה פונעם פריער׳דיגן שבת בענעזאַם מיט די הכנות צום קומענדיגן שבת קודש.

## דערהויבענע חבורות ליל שישי

ליל שישי שפּירט זיך שוין די בואו ונצא לקראת כלה אין די לופטן, ווען עס קומען פאָר די וואַרימע חסיד׳ישע חבורות ליל שישי, ווי מ׳גרייט זיך צום שב״ק מיט שיינע חסיד׳ישע ווערטער אויף די פּרשה ומעניינא דיומא, און

וואַרימע שירות ותשבחות וועלכע וועקן אויף די נשמה סטרונעס צו אַנטפאַנגען דעם שבת מלכתא, די בחורים פון שיעור א׳ דערקוויקן זיך מיט די וואַרימע חבורה אָנגעפירט דורך הרה״ג רבי יעקב אלימלך לייפער שליט״א, און די תלמידי שיעור ב׳ און שיעור ג׳ שעפן זיך אָן מיט אַ חיות דקדושה ביי די חבורה אָנגעפירט דורכן משפיע רוחני בישיבתינו הק׳ הרה״ג רבי אלימלך לאוון שליט״א.

די ליל שישי חבורות איז עפּעס אויף וואָס די בחורים קוקן שוין אַרויס במשך די גאַנצע וואָך מיט אַזאַ צמאון, עס איז די פּאַסיגע טראַנספאָרמאַציע און אַריינפיר פון די ימות החול צום דערהויבענעם שבת קודש וועלכע קומט צו גיין מיט׳ן פולן חן.

פון צייט-צו-צייט ווערט געפּראַוועט אַ גרעסערע חבורה, ווי די גאַנצע ישיבה קומט זיך צוזאַם צו די חבורה אינאיינעם, אין שפּיץ פונעם מנהל שליט״א, וועלכע איז דערביי משמיע מאוצרו הטוב הערליכע חסידישע טייטשן און סיפורי צדיקים מענינא דיומא. ווי זיס איז ביי די גרויסע חבורות ווען אַלע בחורים זינגען אינאיינעם ניגוני התעוררות ודביקות בהכנה דרבה לקראת שבת קודש.

## פרייטאָג פאַרטאָגס

והיה ביום השישי והכינו! נאָך אַזאַ וואַרימע אַריינפיר צום שב״ק ביי די ליל שישי באָטע׳ס, טראָגט שוין די גאַנצע פרייטאָג מיט זיך אַ שבת׳דיגע צורה, די וואַרימע שבת׳דיגע גייסט הייבט זיך אָן שפּירן אין יעדע ווינקל.

די משכימי קום פון פרייטאָג פאַרטאָגס איז היבש מער ווי אַ געוויינטליכע טאָג, בחורים נוצן גוט אויס די צייט פון ליל שישי צו מאַכן אַ הכנה דרבה צום שבת מיט לימוד התורה, ווען טייל בחורים חזר׳ן דאַן איבער די לימודים פון די פריער׳דיגע זמנים, בשעת ווען אַנדערע נוצן אויס די צייט אַריינצוכאַפּן נאָך אַ עולם הבא מסכת.

דאָס פאָלגט נאָך די געוויינטליכע פאַרטאָגס סדר, ווי די בחורים האָרעווען מיט התמדה צו פאַרענדיגן די שיעורי השבוע, און מ׳מאַכט די פּאַסיגע הכנה צום וואַרימע תפלת שחרית.

די פרייטאָג דאַווענען איז ביתר שאת וביתר עוז מיט אַ קאָך און ברען, און נאָכ׳ן דאַווענען איז מען מעביר סדרה מעוטר בתפילין. און דערנאָך דערכאַפּט מען זיך דאָס האַרץ מיט אַ געשמאַקע פת שחרית, אַזוי ווי יעדן טאָג.

די ליל שישי חבורות איז עפּעס אויף וואָס די בחורים קוקן שוין אַרויס במשך די גאַנצע וואָך מיט אַזאַ צמאון

## חידוש׳פולע פרייטאָג פאַרמיטאָג סדר

נאָך פרישטאָג קומט פאר אַ ספּעציעלע פרייטאג שיעור בהלכות שבת, ווי מ׳מאַכט די ריכטיגע הכנה צום שב״ק מיט׳ן לערנען די הלכתא רבתא לשבתא, וואָס צדיקים האָבן געזאָגט אַז עס איז נישט מעגליך צו זיין אַ ריכטיגע שומר שבת אָן דעם וואָס מ׳זאָל גוט לערנען און קענען הלכות שבת.

די שיעור ווערט פאָרגעלערנט פאר אַלע תלמידי הישיבה אינאיינעם דורך הרה״ג רבי יונה פישער שליט״א מו״ץ ור״מ שיעור ב׳ בסדר הלכה, ווי מ׳לערנט על הסדר שו״ע מיט משנה ברורה. די שיעור האָט אַ ספּעציעלע געשמאַק ווען עס איז אויסגעשטעלט אַדורכצולערנען הלכה למעשה לדעת את המעשה אשר יעשון, באַגלייט מיט לעבעדיגע ביישפּיל׳ן און מציאות׳ער ווי די הלכה איז אַלס נוגע, וואָס די בחורים האָבן דערביי אַ געלעגנהייט צו הערן פון די פאַרשידענע סאָרט שאלות בהלכות שבת וועלכע קומען אָן צום טישל פונעם מו״ץ שליט״א.

היי-יאר במשך די ווינטער פרייטאג׳ס האט מען אדורכגעלערנט פון סימן רפ״א ביז רפ״ו, די הלכות וענייני תפלות שבת קודש.

בעפאר יעדע יו״ט, און אזוי אויך בעפאר די ד׳ פרשיות איז די שיעור מיוחד בהלכות החג, וואס דערמיט מאכט מען די פאסיגע הכנה צום יו״ט, ווי צדיקים האבן געזאגט אז מ׳קען נישט אריינקומען אין א יו״ט מרגיש צו זיין די קדושת המועד אן וואס מ׳זאל קודם אדורכלערנען די פשוטע הלכות החג.

נאָכ׳ן לעבהאַפטיגע שיעור, חזר׳ן די בחורים איבער די לימודים, און ביים ענדע פונעם סדר הלימוד קומט פאר די בחינה אויף די לימודים פון הלכות שבת הלכה למעשה.

## לקראת שבת לכו ונלכה

אין די נאָכמיטאָג שעות מאַכן די בחורים די סאַמע לעצטע הכנות צום שב״ק, ביי די טעלעפאָנען טוט זיך אַ געווירבל פון בחורים וועלכע רופן אַהיים די עלטערן וואונטשן אַ גוט שבת, און געבן אַ צופרידענע גרוס פון די ישיבה.

די מתנה טובה פון שבת שפּירט זיך אַזוי גוט אין ישיבה, ווען אַלע הכנות צום שבת ווערט צוגערישט דורך די הנהלת הישיבה, אַז די בחורים האָבן פרייטאָג

די צייט צו קענען עוסק זיין בתורה מיט אַ געשמאַקע הכנה צום שב"ק.

טיכטיגע בחורים מיט אַ געפיל צום שב"ק, טוען אין לויף פון די נאָכמיטאָג שעות צוגרייטן די היכל הישיבה צו די דערהויבענע סעודת ליל שב"ק וועלכע ווערט אָפּגעראָכטן בהיכל הישיבה אויף אַ הערליכע פאַרנעם.

## אַ נעימות'דיגע שיר השירים

אַ שבת'דיגע צורה שפּרייט זיך אויס אין שטעטל, ווען אומגעפער אַ האַלבע שעה בעפאָר'ן זמן הדלקה"נ קומען זיך די בחורים צוזאַם בהיכל ביהמ"ד הגדול, ווי עס קומט פאר אַ סדר לימוד ספרי חסידות, ווי מ'וואַרעמט זיך אָן צום שבת קודש הממשמש ובא.

ביים זמן הדלקה"נ זענען די בחורים זוכה מיטצולעבן דעם הערליכן מחזה, ווען כ"ק רבינו שליט"א איז מדליק די נרות שבת קודש פאַר'ן עריכת שולחן הטהור, און דערנאָך זאָגט מען אינאיינעם שיר השירים מיט אַ געוואַלדיגע מתיקות און מתינות, ווען נאָכ'ן פאַרענדיגן וואונטשט רבינו שליט"א גוט שבת פאר די בחורים.

## צלותא דמעלי שבתא

דאָס פאָלגט שפּעטער נאָך מיט אַ קאָך און אַ ברען ביי די תפלות שב"ק, ווי די בחורים האָבן זייערע מקומות קבוע די פלעצער אַרום דעם רבי'נס מקום תפלה, און די בחורים טוען דערביי אַריינברענגען אַ חיות אין די תפלות שב"ק ביי די הונדערטער תושבי העיר.

אין די לאַנגע לילי שבתות פון די ווינטער חדשים איז דאָ אַ הפסק פון אַרום אַ שעה פון נאָכ'ן דאַווענען ביז די סעודה, דאַן ווערט די צייט גוט אויסגענוצט דורך די בחורים לעסוק בדברי תורה, ווען צווישן די קאָלירפולע שיעורים און חבורות וועלכע קומען דאַן פאר מרצונם הטוב פון די בחורים, שיינט אַרויס די הערליכע שיעור בפרשת השבוע מתובל בדברי תורה וסיפּורי צדיקים דורך הרה"ג רבי יואל יחיאל קאָהן שליט"א חדב"ן ומו"ץ.

## דאַ היא סעודתא דחקל תפוחין קדישין

דערנאָך ווערט אָפּגעראָכטן בהתרוממות הנפש בהיכל הישיבה די סעודתא דחקל תפוחין קדישין, ווי די סעודה איז הערליך שיין צוגעגרייט להתענג בתענוגים לכבוד שב"ק, בזמירות שירות ותשבחות, יעדע וואָך ווערט די סעודה אָנגעפירט דורך אַ חשובע פה מפיק מרגליות שליט"א, חשובע מגידים ומשפיעים, אורחים נכבדים, אָדער בני וחתני רבינו שליט"א, וועלכע זענען משמיע מאמרותיהם היקרים במשך די סעודה.

## עס קלינגט אַ 'טאָהש'ער קידוש' ברוב עם הדרת מלך

ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו! אַ גאָר התרגשות'דיגע מאָמענט שפּילט זיך אָפּ מידי שבוע בשבוע ביי קידוש, ווען כ"ק רבינו שליט"א האָט איינגעפירט אַז אַלע בחורים זאלן מאַכן קידוש אינאיינעם ברוב עם הדרת מלך בקול אדיר וחזק, אַזוי ווי פּסח אויפדערנאַכט ביים סדר, איי ווי נעמט די ווערטער צו באַשרייבן ווי עס הילכט אָפּ אַזאַ וואַרימע 'טאָהשער קידוש', געסט וועלכע האַלטן דאָס מיט זענען מלא רגש והתפעלות, יערב לו מנופת צוף וכל טעם.

## חבורה פון בחורים וואָס רעדן נישט דברים בטלים שב"ק מבואו ועד צאתו

כל שומר שבת קודש כדת! ביי די סעודת שב"ק שיינט ספּעציעל אַרויס די הערליכע געהויבענע חבורה פון אַ שיינע טייל בחורי הישיבה וועלכע רעדן נישט קיין דברים בטלים במשך די געהויבענע מעת לעת פון שב"ק, בעת ווען אַנדערע בחורים האָבן מקבל געווען די הנהגה טובה לכבוד השבת ביז געוויסע צייטן אַריין אינעם שבת, יעדער איינער לויט זיין דרגא. וואס כידוע האט מרן רביה"ק זי"ע שטענדיג מעורר געווען און מעודד געווען די בחורים אז מ'זאל זיך צושטעלן דערצו, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א איז דאס ווייטער כסדר מחזק.

און מיינט נישט אַז מ'רעדט דאָ פון זויערע בחורים, ניין עס רעדט זיך פון געשמאַקע בחורים וועלכע לעבן אַריין מיט חברים במשך די גאַנצע וואָך, און אויך שבת קאָכט מען אַריין ביי די תפלות און זמירות, אָבער פאָרט די אויר פון ישיבה ברענגט זיי אַרויף צו העכערע השגות ביום השב"ק.

געהויבענע חבורה פון אַ שיינע טייל בחורי הישיבה וועלכע רעדן נישט קיין דברים בטלים במשך די געהויבענע מעת לעת פון שב"ק

# עריכת שולחן הטהור

שבת קודש בצל כנפיך יחסיון! נאָך די הערליכע סעודה בהיכל הישיבה האָבן די בחורים די זכי' מיטצולעבן די געהויבענע עריכת שולחן הטהור, ווי די בחורים האָבן זייערע פלעצער אויף די פאַרענטשעס, און געבן צו אַ ספעציעלע טעם צום גאַנצן טיש ביי די זמירות שב"ק.

די שבת האָט אינגאַנצן אַ העכערע באַדייט ווען מ'וואַרעמט זיך אָן ביים טיש מיט'ן אור קדושת השבת, די דב"ק בלימוד ספה"ק נועם אלימלך, און די ענינים וואָס דער רבי איז מוסיף על דבריו הקדושים.

נאָכ'ן טיש האָבן די בחורים די זכי' צו נאכזאגן דברי תורה פאר רבינו שליט"א, ביים ווערן אַהיימבאַגלייט דורך די בחורים לביתו נאוה קודש, און הערן די הערליכע עובדות וסיפורים וואָס דער רבי פאַרציילט.

# לאַנגע שעות זמירות שירות ותשבחות ודברי תורה

ווידער אין די איינצעלנע וואָכן וואָס רבינו שליט"א געפונט זיך מחוץ לעיר און ס'נישטאָ די עריכת שולחן הטהור נאָך די סעודה, איז די סעודת שב"ק בהיכל הישיבה לעילא מכל ברכתא, און איז איינגעקריצט מיט אַ באַזונדערע נאָסטאַלגיע ביי די בחורי הישיבה, עס ווערן דאַן איינגעלאַדנט ספעציעלע מגידים ומשפיעים שליט"א אָנצופירן די סעודות שב"ק וואָס ווערט דאַן אָפּגעראָכטן אויף אַ לענגערע פאַרנעם, אינאיינעם מיט אַ הערליכע באָטע פון זמירות שירות ותשבחות און הערליכע פערל-רייד לכבוד שב"ק.

# אמירת ספר תהלים בצפרא דשבתא

בצפרא דשבתא נאָך אַ וואַרימע טבילה במקוה, קומען זיך אַלע בחורים צוזאַם אין היכל ביהמ"ד הגדול ווי מ'זאָגט אינאיינעם אויס גאַנץ ספר תהלים מיט אַ השתפכות הנפש כנהוג, און אינאיינעם בעהט מען זיך אויס בזכות מזמורי תהלים אין אָט די לויטערע שעות פון שבת צופרי פאַר'ן דאַווענען, וואָס צדיקים האָבן געזאָגט אַז דאָס איז די טייערסטע צייט פון די גאַנצע וואָך.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני', די תפלות יום שב"ק ווערן אָפּגעראָכטן מיט אַ חיות דקדושה ווען עס שפירט זיך דעם כל עצמותי תאמרנה מיט אַ קאָך און ברען און הרמת קול תפלה.

# דא היא סעודתא דעתיקא קדישא

נאָכ'ן דאַווענען האָבן די בחורים מידי שבוע בשבוע מיטצוהאַלטן די סעודת שב"ק ביי די פריוואַטע בייטאָג טיש וואָס רבינו שליט"א פראַוועט אינאיינעם מיט די בחורים און די געסט אינעם היכל הטישן, די בייטאָג סעודה איז אַ ספעציעלע געלעגנהייט פאַר די בחורים לבוא אל הקודש פנימה, ווען דער רבי קוקט זיך אום אויף אַ פערזענליכע פאַרנעם אויף די בחורים וועלכע זענען סביב על שולחנו.

מיט אַ חביבות יתירה גייען די בחורים פאַריבער באַקומען שיריים פון אלע מאכלים, און פון 'די אייער מיט די רינדל', ווען דערביי איז דער רבי מזמן לזמן פורש בשלומם פון די בחורים תלמידיו הקרוים בנים חביבים.

מיט אַ חביבות יתירה גייען די בחורים פאַריבער באַקומען שיריים פון אלע מאכלים, און פון 'די אייער מיט די רינדל', ווען דערביי איז דער רבי מזמן לזמן פורש בשלומם פון די בחורים תלמידיו הקרוים בנים חביבים

# בחורים זאָגן דברי תורה ביים שפּאַציר נאָכ'ן 'בייטאָג טיש'

פון די גאַר שיינע מאָמענטן וואָס די בחורים לעבן מיט בצל הקודש פונעם רבי'ן שליט"א, איז די שפּאַציר שבת צופרי נאָכ'ן טיש ווען דער רבי גייט אַהיים לביתו נאוה קודש, וואָס אַנדערש ווי פרייטאָג צונאַכטס נאָכ'ן טיש, ווען אויך די ישיבה קטנה בחורים און אברכים יקרים האַלטן מיט די שיחות קודש אויפ'ן וועג אַהיים לביתו נאוה קודש, איז שבת צופרי די וועג אַהיים בלויז מיט די אָנוועזנהייט פון די ישיבה גדולה בחורים, און דאָס געבט דאָס מער אַ פריוואַטע פאָרמאַט פאר די בחורים, ווען בחורים זאָגן פאַר'ן רבי'ן תורות און חידושים וועלכע זיי האָבן מחדש געווען אויף די פרשת השבוע אָדער אויף די לימודי הישיבה, און רבינו שליט"א ווייזט אַרויס זיין הנאה וקורת רוח, און וועט אפי' אַסאַך מאָל מוסיף זיין און מעיר זיין דערויף.

## לימוד התורה מיט אַ שבת'דיגע טעם

אין די לאַנגע זומער'דיגע שבת נאָכמיטאָג'ס קומט פאר בעפאָר תפלת מנחה וסעודת רעוא דרעוין, אַ סדר הלימוד ווי ביומא דאורייתא געבט מען מזון רוחני פאר די נשמה, מיט צוויי שעות לימוד התורה בהתמדה, ווי די בחורים לערנען בכל מה שלבו חפץ, ווען יעדע תלמוד לויט זיין אייגענע צוגאַנג איז ער זיך קובע וועלכע לימוד צו לערנען אין צייטן ווען עס איז נישטאָ קיין קביעות'דיגע סדר הלימוד.

## די לעכטיגע מאָמענט בעת רעוא דרעוין

חדו השתא בהאי שעתא דביה רעוא דרעוין! גאָר דערהויבן ווערט דערנאָך אָפּגעראָכטן די עת רצון פון תפלת מנחה און סעודת שלישית, ווי מ'געזעגנט זיך פונעם שבת קודש ביי אַזאַ וואַרימע שלש סעודות בצל הקודש, אָנגעהויבן פון די זמירות ברוב עם הדרת מלך פסוק בפסוק, און נאָכדעם די שלש סעודות תורה, מלא מוסר והדרכה און התחזקות בעבודת ה', וואָס רבינו שליט"א איז משמיע לכל הקהל הקודש, און אזוי ווייטער די טיילן פלייש מסוגל ליראת שמים.

## במוצאי מנוחה

דערנאָך דאַוונט מען מעריב און דער גאַנצער ציבור וואונטש אַ גוטע וואָך, בשעת די בחורים האלטן ווייטער מיט בשעת ווען רוב פון דער אַלגעמיינער ציבור תושבי הקרי' גייען שוין אַהיים פון ביהמ"ד, אָבער די בחורים פאַרבלייבן נאָך צוזאַמען צו הבדלה און די פיוטי מוצ"ש. און דערנאָך זענען די בחורים זוכה צו הערן שיחות קודש שיינע סיפּורי קודש פון רבינו שליט"א, וועלכע איז באַגלייט מיט אַ געוואַלדיגע הארת פּנים במוצאי יום גילה.

## קדמנו תחלה מיט אַ סדר הלימוד

אין די ווינטער'דיגע מוצאי שבתים ווען עס גייט אַ פראָסט אינדרויסן, הייבט זיך אן די פרישע וואך מיט אַ וואַרעמקייט פונעם אור התורה, ווען נאָך די סיפּורי קודש, זעצט מען זיך אַוועק צו אַ פרישע סדר הלימוד, ווי מ'איז ממשיך די קדושת והשפעת שב"ק אויף די גאַנצע קומענדיגע וואָך, און מ'הייבט אן די נייע וואך מיט אַ סדר הלימוד תורה דרבים.

## מלוה מלכה מיט זכרונות פונעם לעכטיגן אַמאָל

מוצש"ק קומט פאר אַ הערליכע מלוה מלכה בהיכל הישיבה, ווי די בחורים פאַרברענגען בשבת אחים גם יחד, און דערביי ווערן געלאַדענט חשובע מגידים וועלכע פאַרציילן שיינע סיפּורים וענינים, רוב וואָכן טרעטן אויף זקני החסידים תלמידי רביה"ק זי"ע וועלכע פאַרציילן פאר די בחורים זכרונות פון אַמאָל ביים הייליג'ן רבי'ן, וואָס די בחורים שלינגען מיט גרויס דאָרשט, און עס וועקט אויף ביי די בחורים געגועין וכיסופין צום נישט ווייטן פאַרגאַנגענהייט בצל רביה"ק זי"ע.

## שבתים וועלכע בלייבן אויף אייביג!

מיט דעם האָבן מיר פאַרענדיגט די טרוקענע פאַקטן ווי אַזוי עס שפּילט זיך אויס אַ שבת קודש אין ישיבה, וואָס די בחורי חמד תלמידי ישיבתינו הק' האָבן די זכי' מיטצולעבן, אכסוף נועם שבת!

אָבער דאָס איז נישט קיין איינמאָליגע שבת התוועדות וואָס די בחורים האָבן געהאַט די זכי' מיטצולעבן, נאר דאָס שפּילט זיך אָפּ מידי שבת בשבתו מיט אַ פרישקייט, און עס איז לא יאומן כי יסופר וואָספאַראַ השפּעה די געהויבענע שבתים האָט אויף די בחורים לכל אורך ימי חייהם, ווען אַסאַך יאָרן שפּעטער שפּירט נאָך יעדן שבת די צווישן די ישיבה ווענט.

> אָבער דאָס איז נישט קיין איינמאָליגע שבת התוועדות וואָס די בחורים האָבן געהאַט די זכי' מיטצולעבן, נאר דאָס שפּילט זיך אָפּ מידי שבת בשבתו מיט אַ פרישקייט

## השבת נועם הנשמות והשביעי עונג הרוחות!

יושבים ראשונה במלכות:

# דער רבי פירט טיש בלויז מיט די בחורים!

שבת קודש נפשי חולת אהבתיך!

פון די שענסטע שבתים אין די ישיבה, איז געוויס די שבתים מיוחדים עטליכע מאָל אַ זמן, ווען מ׳איז זוכה אַז אַנשטאָט די געוויינטליכע עריכת שולחן הטהור וואָס רבינו שליט״א איז מעריך בליל שב״ק אין ביהמ״ד הגדול צוזאַמען מיט׳ן גאַנצן ציבור, ווען דער רבי קומט אַריין צום טיש נאָך וואָס דער ציבור פראַוועט די סעודה אינדערהיים, איז דער רבי מקדיש עטליכע שבתים אין יאָר ווען רבינו שליט״א קומט אַריבער בהיכל הישיבה פראַוונען דעם טיש בלויז מיט די בחורים.

יעדעס מאָל ווען די בחורים האָבן די זכי׳ דערצו אַז וירד משה מן ההר אל העם, אַז דער רבי קומט במיוחד פראַוונען די טיש מיט די בחורים, עס איז אַ גאַנצע יום טוב ביי די בחורים, מ׳גרייט זיך דערצו מיט אַן הכנה דרבה, און די רישומא דקדישא בלייבט אויף אַ לאַנגע צייט שפּעטער.

די בחורים וועלן שוין בעפאָר שבת אַריינלייגן שטאַרקע כוחות אַהערצושטעלן די היכל הישיבה כראוי וכיאות ברוב פאר והדר אַז עס זאָל זיין פּאַסיג צו דינען אַלס די אכסני׳ פאַר׳ן רבי׳נס עריכת השולחן, און עס ווערט אויסגעשטעלט אויף אַ ספּעציעלע פאַרנעם אַז אַלע בחורים זאָלן קענען גוט מיטהאַלטן די לעכטיגע מאָמענטן, און אַז יעדער בחור זאָל זיך שפירן דם בניך כשתולי זתים סביב לשלחניך.

אַ ווײַלע נאָכ׳ן דאַווענען אין ביהמ״ד הגדול קומט דער רבי צום היכל הישיבה, ווי מיט אַ שלהבת קודש זינגט מען אינאיינעם שלום עליכם, נאָכגעפאָלגט מיט אַ פייער׳דיגע קידוש, און פון דאָ און ווייטער איז די גאַנצע טיש פנימי בלויז ׳דער רבי מיט די בחורים׳ מיט אַ חיבה יתירה.

במשך די טיש איז דער רבי עטליכע מאָל משמיע דברי תורה פאר די בחורים, בהדרכה והתחזקות בעבודת ה׳, וועלכע די בחורים שלינגען מיט אַ אויסטערלישע צמאון און יעדעס וואָרט איז כמים קרים על נפש עייפה.

יעדעס מאָל איז די פּערזענליכע טיש מיט׳ן רבי׳ן אַ פרישע איבערלעבעניש וועלכע הייבט אויף די בחורים מיט אַ פרישע התעלות והתרוממות

דער רבי פאַרטיילט די שיריים פון די מאכלים ספּעציעל פאר די בחורים, און קוקט זיך אום מיט אַ פאָטערליכע בליק אויף זיינע געטרייע תלמידים, צו פאַרזיכערן אַז יעדער האָט די מחסורו בהרחבה.

באַזונדער שטעלן זיך די בחורים אויף במשך דעם טיש צו משמיע זיין דברי תורה מיט שיינע חידושים בעניני הפרשה, וואָס דער רבי הערט אויס די בחורים און צייגט אַרויס זיין שטאַרקע קורת רוח, און כמה פעמים איז דער רבי נאָכדעם מעיר דערויף מיט הערות והארות מחכימות, און איז מוסיף שיינע ענינים דערויף.

יעדעס מאָל איז די פערזענליכע טיש מיט׳ן רבי׳ן אַ פרישע איבערלעבעניש וועלכע הייבט אויף די בחורים מיט אַ פרישע התעלות והתרוממות, און ברענגט אַריין אַ פרישע חיות דקדושה אין אַלע גלידער, כי ממנו נקח לעבוד את ה׳.

נאָך די מאכלי שב״ק, קומט דער רבי אַריין צו די המשך עריכת השולחן אין ביהמ״ד הגדול צוזאַמען מיט׳ן גאַנצן ציבור בעלי בתים ואברכים ובחורי חמד, און מ׳זעצט פאָר מיט׳ן ווייטער׳דיגע סדר פונעם טיש אַזוי ווי יעדע וואָך.

שבת היא לכם!

# די סוד פון הצלחה; הצלחה!

מיטהאַלטנדיג די באַדייט פון אַ טאָג אין די ישיבה, און באַזונדער איבער אַ שבת קודש אין די ישיבה, פרעגט זיך ווי פון זיך אַליין 'וואָס טאַקע איז די סוד צו די געוואַלדיגע הצלחה'?

זיך נאכפרעגנדיג אביסל צווישן די תלמידי הישיבה, האט זיך ארויסגעשטעלט זייער קלאר, אז עס איז קלאָר נישטאָ אַ סוד פון הצלחה, נאר זאָגאַר אַ יסוד, און נישט נאר איין, נאר עטליכע שטאַרקע יסודות, וואָס דאָס ברענגט אַרויף די שטאַפּל פון די ישיבה און די בחורים צו אַזאַ שטאַרקע הצלחה, וכן יעזור ה' להלאה.

די הויפּט יסוד איז אוודאי די געוואַלדיגע סייעתא דשמיא וואָס מ'זעהט אויף טריט און שריט, און די כוחו וזכותו של אותו זקן מרן רביה"ק זי"ע, וועלכע האָט געפלאַנצט די ישיבה און ער האָט דאָס אַוועקגעשטעלט און באַגלייט אַלע יאָרן, און עס שפּירט זיך כסדר ווי ממקומו יפן ברחמיו דאָס ווייטער צו באַגלייטן מיט אַ עינא פּקיחא, אַז עס זאָל ווייטער מצליח זיין להגדיל תורה ולהאדירה.

ווער ס'האָט נאָר איבערגעטרעטן די שוועל פון די ישיבה וועט מעיד זיין, אַז פון די גאָר שטאַרקע יסודות פאר די הצלחה איז די געטרייע איבערגעגעבענע מרביצי תורה שליט"א וועלכע זענען דאָ מיט הארץ פאר יעדע בחור, אַז זיין הצלחה זאל שיינען אויפ'ן שענסטן פאַרנעם, סיי מיט די לימודים, און סיי מיט אַ אוזן קשבת.

די האַרציגקייט פון די מגידי שיעור צו די בחורים האָט אַ אומגלויבליכע דאָמינאָ אַפעקט, יעדער בחור שפּירט זיך אָנגענומען באַקוועם און געשעצט אין די אויגן פון די מגי"ש, און פון דאָרט און ווייטער בלאָזט דאָס אַריין אינעם בחור אַ אויסטערלישע חיות, זיינע שאיפות צינדן זיך אן אויפ'ן העכסטן גראַד, וויבאַלד ער שפּירט זיך אַלס אַ מוצלח, וויל ער נאר שטייגן נאָך העכער און נאָך העכער, עלה מעלות רמות בעוז ותעצומות.

דאָס ברענגט אַז בחורים זאלן שפּירן אַז די ישיבה איז באמת דאָ פאר זייער תכלית און הצלחה, און זיי זאָלן זוכן זיך צו צושטעלן און מיטהאַלטן אַלעס סדרי ולימודי הישיבה, וואָס דאָס אַליין ברענגט שוין אַ גאָר שטאַרקע הרמת קרן הישיבה.

און דאָ שפּילט גאַנץ גוט צו די פאַקט אַז מ'געפונט זיך אין די כותלי הישיבה אין גאַנצן אין אַ אַנדערע פּלאַנעט, און די אַלגעמיינע וועלט עקזיסטירט נישט דאָרט, דעריבער וועלן זיך בחורים אַריינוואַרפן צו שטייגן אין נאָך לימודים, קונה צו זיין פילצאָליגע זייטיגע מסכת און מקצועות, וואָס די קול תורה וועלכע הערשט בין הסדרים אין ביהמ"ד איז די זיסטע מוזיק, פּשוט, בחורים שפירן אז זיי לעבן אין א אויר פון תורה, און זיי שטרעבן אַריינצוכאַפּן נאָך און נאָך תורה.

אָט דאָס ברענגט דערצו אַז עס איז שוין היינט א אפטע ערשיינונג אז נאך תפלת שחרית זאל א בחור מאכן ברוב עם א הדרן אויף א מסכת וועלכע ער האט געלערנט אין זיינע פריוואטע זמנים, און אצינד מאכט מען דעם סיום, און תיכף ווארפט מען זיך אריין אין א פרישע מסכת.

און ווי דער מנהל שליט"א פאַרציילט אונז איז די בחורים וועלכע האָבן שוין מיט זייער כח התמדת התורה, באַלד זוכה געווען צו מסיים זיין כל הש"ס כולו, ואשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו!

און די אַפעקט פון די וואַרימע האַרציגקייט פון די מרביצי תורה שליט"א וועלכע געבן זיך אַזוי אַוועק פאר יעדן בחור, שטעלט זיך נישט אָפּ בלויז ביי אהבת התורה, עס גייט נאָך אַסאַך ווייטער און ברייטער, ווען די בחורים שפירן זיך באַפרידיגט און קאָמפּלימענטירט דורך די מגידי שיעור שליט"א, לעבט מען מיט אַ אויסטערלישע סיפוק און צופרידנקייט, מ'איז גליקליך אויפ'ן שטאַנד ווי מ'איז, נישט שפירנדיג אַז איינער זוכט עפּעס צו צונעמען אָדער אַז אַ צווייטער זוכט זיך צו בויען אויף מיינע פערזענליכע שוואַכקייטן, וואָס דאָס ברענגט צו די מציאות אַז מ'לעבט איינער מיט'ן צווייטן מיט אַזאַ אהבה אחוה ושלום וריעות, וואָס דאָס ברענגט ווייטער די קייט צו קענען שטייגן העכער און שנעער.

איינער פון די חשובע אורחים נכבדים מגידים ומשפיעים שליט"א וועלכע האָבן געפראַוועט אַ שב"ק אין ישיבה אינאיינעם מיט די בחורי חמד, האָבן אַרויסגעברענגט זייער התפעלות, ווי די געשמאַקע גייסט צווישן די בחורים גייט אויף אַזוי ווייט, אַז אין אַלגעמיין וועט מען נישט זען קיין גרויסע חילוק צווישן די בחורים פון די יאָרגענג, מ'זיצט אינאיינעם ביי פרישטאָג און נאַכטמאָל, און מ'פאַרברענגט אינאיינעם, דאָס אַליין געבט אַזויפיל צו, מ'האָט אַסאַך אַ ברייטערע אויסוואַל פון חברים צום לערנען און צו שטייגן.

און די גאָלדענע קייט ציהט זיך ווייטער, די געשמאַקע צופרידנקייט און אָנגענומען אַטמאָספערע צווישן די בחורים, ברענגט דערצו אַז עס איז ווייט נישטאָ די אַלגעמיינע 'פעיר-פרעשור' צווישן בחורים, - וואָס אין אַלגעמיין ברענגט דאָס אַז בחורים זאלן אָנקומען צו געוויסע שטאַפּלען ווי זיי בעצם וואָלטן באמת נישט געוואָלט נאר צוליב די אַרומיגע 'פעיר-פרעשור' מוזן זיי זיך צושטעלן דערצו, - וואָס אַזוי אַרום קענען זיך בחורים אַסאַך מער עפענען און אַרויסגעבן את שאהבה נפשם, און עס קומט אַרויס אַזוי שיין און לעכטיג וואָס די בחורים ווילן באמת, לעשות רצונך אלקי חפצתי.

און איינס-ברענגט-די-צווייטע, זייענדיג אין אַזאַ אָנגענומען ליבליכע אַטמאָספערע, ווי די האַרץ פונעם מנהל שליט"א און די חשובע מגידי שיעור שליט"א זענען כל כולו דאָ פאַר'ן בחור, און די אויר אין ישיבה איז צו שטייגן אין תורה ויר"ש מיט אַ חסיד'ישע קאָך און ברען, בויעט דאָס אויף אַ לויטערע ריינע לופט, אויסגעשלאָסן פון די טעכנאָלאָגישע רייץ וועלכע דרינגט אַריין אין אַלגעמיינע ישיבות, ווען ישיבתינו הק' איז לויטער ריין פון אַלע כלים מכלים שונים, וואָס דאָס פאר

## די האַרץ פונעם מנהל שליט"א און די חשובע מגידי שיעור שליט"א זענען כל כולו דאָ פאַר'ן בחור, און די אויר אין ישיבה איז צו שטייגן אין תורה ויר"ש מיט אַ חסיד'ישע קאָך און ברען

זיך איז ווידער חוזר וניעור די אויסטערלישע הצלחה פון די ישיבה און די בחורים, ווען די גאַנצע שטרעבונג איז בלויז תורה ויראת שמים.

כמים פנים אל פנים שפיגלט דאָס צוריק צו די מרביצי תורה שליט"א, ווען די מרביצי תורה דאַרפן זיך נישט אָפּגעבן מיט אַלע אַרומיגע תוצאות וועלכע פאַסירן ווען בחורים זענען נישטאָ מיטצואַרבייטן מיט די סדרי ותקנות הישיבה, אויטאָמאַטיש איז זייער קאָפּ און האַרץ אַסאַך מער אָפּן צו קענען אַריינשיינען אין די בחורים תורה ויראת שמים געפּלאַכטן מיט וואַרימע הדרכה און השקפה.

הבאני המלך חדריו נגילה ונשמחה בך! די אויסטערלישע זכי' עצומה וואָס די בחורים האָבן אַז זיי זענען זוכה צו אַזאַ קירבה יתירה ביים ריש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי זיי זענען די יושבים ראשונה במלכות, דאָס געבט צו אַ באַזונדערע שטאַרקע הצלחה און התעלות פאר יעדן איינציגסטע בחור.

אויסער וואָס דער רבי שליט"א איז עומד בראש הישיבה מיט אַ עינא פקיחא, באַגלייטנדיג יעדע פרט ופרט, און דער רבי קומט כסדר דאַווענען בהיכל הישיבה, ווי דער רבי איז משפיע מהודו ומזיוו אויף די בחורים, טראָגט דער רבי על לוח לבו הטהור יעדע איינציגסטע בחור, נישט איינמאָל און נישט צוויי מאָל האָבן שוין בחורים באַקומען אַ פראַגע פונעם רבי'ן אַז כ'האָב דיר נישט געזעהן צווישן די בחורים ביי יענעם טיש אָדער מעמד, וואו ביסטו געווען?!

דאָס אַז די בחורים שפירן אַז דער רבי קוקט זיך אום אויף זיי לדעת את שלומם ומה יעשה בה, הייבט שטאַרק אויף די רוח התורה והחסידות ביי אַלע בחורים, אַ שטייגער ווי דאָס וואָס בעפאַר בין הזמנים באַקומט יעדע בחור פונעם רבי'ן דער ראש הישיבה אַ פערזענליכע "שעות צעטל" וויפיל שעות תורה והתעלות צו עררייכן אין די קומענדיגע בין הזמנים, און נאָך בין הזמנים ברענגט מען דאָס צוריק צום רבי'ן, דאָס געבט אַ שטאַרקע התחייבות פאר די בחורים זיך צו הייבן העכער און העכער.

און גאָרנישט ווייניגער ווי ביי אַ געוועינטליכע ראש הישיבה וואָס די בחורים האָבן אַ געלעגנהייט זיך אויסצושמועסן מיט'ן ראש הישיבה איבער זייערע ענינים, האָבן די בחורים אַ אָפענע טיר ביי רבינו שליט"א, אַריינצוקומען אל הקודש פנימה זיך אויסצושמועסן בעצה ותושי' און באַקומען לקח והדרכה, וואָס טראָץ וואָס דער רבי איז אַזוי פאַרנומען מיט די עניני הכלל והפרט בהנהגת הקהלה והמוסדות אומעטום, איז דער רבי אַ ריכטיגע ראש הישיבה פאר די בחורים.

**אָט דאָס אַלעס ברענגט צו די מציאות אַז יעדער בחור איז אַ שטראַלנדע דיימאַנט שטיין, און די גאַנצע מאָטאָ איז נאָר זיך צו הייבן און צו שטייגן, און הצלחה ברענגט הצלחה!**

# ישיבה נייעס

אין בית המדרש בלא חידוש! אַ ישיבה איז זייער שווער צו ברענגן נייעס, הגם ווען אַ פרעמדער קומט אַריין בהיכל הישיבה איז דאָס כל כולו חידושים יקרים מפנינים, אָבער אין ישיבה זעלבסט איז דאָס אין אַ בחינה פון אין בעל הנס מכיר בניסו, אַז מ'וועט פרעגן אַ בחור און אפי' אַ מרביץ תורה 'וואָס איז נייעס אין ישיבה'? וועט די ערשטע רעאַקציע זיין אַז עס איז נישטאָ קיין שום נייעס, ישיבה כמנהגו נוהג, אָבער אמת'דיג איז יעדע פרט ופרט פון די פשוטע טעג אין ישיבה איז מלא חידושים.

דעריבער לקראת חג הפסח האָבן מיר געברענגט פאַרשידענע נייעס וועלכע האָבן זיך אָפגעשפילט בהיכל הישיבה אין לויף פון די ווינטער חדשים העעל"ט, וועלכע איז בלויז זעיר מזעיר פון די לעבהאַפטיגע סדרי הישיבה מידי יום ביומו.

## מהנעשה ונשמע בתוככי ישיבתינו הק'

תורה שבכת"ב:

### אנשי שלומינו בכל קצוי תבל דערקוויקן זיך מיט'ן רייכע גליון "אור יקר" בחידושים יקרים מפנינים פון די תלמידי הישיבה

שבת מברכים טראָגט מיט זיך אַ באַזונדערע געהויבענע באַדייט פאר אנשי שלומינו תלמידי וחסידי טאָהש אַלוועלטליך, ווען עס ערשיינט חודש'ליך אַ פרישע הערליכע גליון אור יקר, וועלכע איז אַ רייכע אוצר בלום וואָס די בחורים שטעלן אַהער במעשי ידיהם להתפאר, זייענדיג אַ הערליכע ליקוט פון עניני הפרשה, עניני דיומא, דברות קודש, חידושי סוגיות וואָס מ'איז עוסק בהיכל הישיבה, און נאָך.




די תועלת דערפון איז זייער גרויס, ווען די בחורים האָבן אַזוי די געלעגנהייט אַרויסצוברענגען זייערע כוחות און כשרונות אויף אַ הערליכע פאַרנעם, און דאָס אָפשרייבן די שיעורים וחידושים ברענגט אַליין אַ שטאַרקע קלאָרקייט ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים.

אנשי שלומינו אַלוועלטליך וועלכע קוועלן שטענדיג פאר פרייד מיט די נחת'פולע גרוסן פונעם בית אולפנא רבתי, האָבן דערביי אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַ נענטערע בליק אויף די הערליכע פירות מתוקים וואָס ישיבתינו הק' געבט אַרויס לגאון ולתפארת.

חסידים שוהין אחר התפלה:

# בחורי הישיבה קווע׳לן ביי ספּעציע׳לע שיעורי ספרי חסידות נאָכ׳ן דאַוונען דורך הרה״ג רבי אלימלך סג״ל לאווען שליט״א

פון די הערליכע חידושים בהיכל הישיבה, איז די הערליכע שיעור בספרי חסידות דורך הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א משפיע רוחני בישיבתינו הק', וועלכע קומט פאר דריי מאָל אַ וואָך נאָך תפלת שחרית.

דער חשובער משפיע שליט"א וועלכע איז אַ ריכטיגע דמות דיוקן פון אַ פלאמעדיגע טאָהש'ער חסיד נלהב, זייענדיג אַ תלמיד ותיק פון רביה"ק זי"ע, וועלכע איז ברייט אויסגעקאָכט בספרי חסידות און ער איז משפיע מהודו והדרו אויף די טייערע בחורים וועלכע שלינגן מיט דאָרשט די קוועלעדיגע וואַסערן פון זיין שפרודל'דיגע קוואַל.

ביי יעדע שיעור ווערט גאָר שטאַרק אַרומגענומען אַ אַנדערע ענין איבער הדרכה והתחזקות בעבודת הק', ווען די אויגן פון די בחורים עפענען זיך צו די לעכטיגע אור פון ספרי חסידות.

דאָס איז אין צוגאָב וואָס דער משפיע שליט"א איז אַ שטאַרקע רוח החיים אין ישיבה, מיט כסדר'דיגע דרשות לעורר הלבבות, און דאָס זעלבע באַשיינט ער די הערליכע מסיבות לחיים בהילולא דצדיקיא און ביומא דפגרא, וגם לרבות מיט זיינע שטענדיגע אָפענע אויגן און אויערן פאר יעדן בחור.

ראשי חדשים לעמך נתת:

# דערהויבענע סעודת ראש חודש כסלו אפּגעראכטן געוואָרן בהיכל הישיבה

ראש חדשים לעמך נתת! די ראשי חדשים זענען אַ באַזונדערע יו"ט פאר די בחורים תלמידי הישיבה, ווען מ'איז זוכה מידי חודש בחדשו מיטצופּראַווען די הערליכע ראש חודש טישן לכבוד היום.


ישיבה גדולה
אור החיים ד'נאַ־יש
בס"ד
וּבראשי חדשיכם
בשמחה רבה באנו להודיע לתלמידי ישיבתינו הק' הי"ו את אשר בעז"ה
יתקיים מסיבה
סעודת ראש חודש
בליל שישי תולדות אור ליום ר"ח כסליו
בהיכל הכוללים המפואר
בצוותא חדא באיחוד הלבבות בראשית רמ"י ישיבתיה"ק שליט"א
אשר ישמיעו בעז"ה דברי חיזוק והתעוררות בעבודתו ית"ש
לרגל התחדשות הזמן החורף תשפ"ו לפ"ק
ובעז"ה יהי' לתועלת ולחיזוק גדול לכל התלמידים היקרים נ"י
ועשה אזנך כאפרכסת לקבל ולהתחזק ולעלות בדרכי העבודה
בואו שמעו ותחי נפשכם
כולנו לחזק ולהתחזק

פאַרגאַנגענעם ר"ח כסלו העעל"ט ווען דער רבי האָט געווײלט מחוץ לעיר, איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע סעודת ראש חודש בין כותלי הישיבה, ווי מ'האָט זיך געוואַשן צו אַ שיינע סעודה, און מ'האָט פאַרברענגט אַ לענגערע ווײלע בדברי תורה וזמירות שירות ותשבחות, ווען דערביי האָט זיך שוין אָנגעהויבן שפּירן די אורות פון די ימי החנוכה הממשמים ובאים.

קדשם בקדושת השבת:

# שעת רחמים ועת רצון ביים ציון המצוינת פון רביה"ק זי"ע ביים פתיחת חבורת ש'תיקה ב'שבת ת'ענוג

די קדושת השבת האָט זיך געשפירט אין די לופטן אין אַ פשוטע וואָכנטאָג, ווען אָנהייב ווינטער זמן איז פאָרגעקומען ביים ציון הק' פון רביה"ק זי"ע אַ מעמד נשגב ומרומם לרגל פתיחת החבורה ש'תיקה ב'שבת ת'ענוג, די הערליכע חבורה וועלכע איז פארמירט געווארן צווישן די תלמידי הישיבה, אז ביום השביעי נתעלה שב"ק זאָל מען נזהר זיין פון דברים בטלים, און מ'זאָל בלויז לעבן אין אַ העכערע גייסט במשך דעם גאַנצן שב"ק.


חבורת
שתיקה בשבת תענוג
שע"י ישיבה גדולה אור החיים ד'טאהש
מטרתה לחזק תלמידי ישיבתינו הק' בענין הנשגב של שמירת הדיבור בשב"ק
כמו שתבע מאתנו רביה"ק זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בשמחה רבה הננו בזה להודיע אשר בעז"ה יתקיים
מעמד פתיחת החבורה
שתיקה בשבת תענוג
לכל תלמידי הישיבה
ליל שישי פ' ויצא
ליד הציון הק' של אבינו רועינו כ"ק מרן רביה"ק זי"ע
תיכף אחר תפילת מעריב
כאשר ביחד יתעוררו הלבבות בשירות ותשבחות וניגוני התעוררות
וישמיע דברי הכנה והתעוררות
ע"י הרה"ג ר' אלימלך סג"ל לאוון שליט"א
אח"כ יגיש כל אחד להמציבה הק'
ויעתר בעדו ובעד חביריו ובעד כל קהל ישראל
ויפעול כל טוב לנו ולכל ישראל
ובזכות השב"ק וזכות הקבלות טובות שנקבל על עצמינו
בקדושת פינו נזכה לביאת גוא"ת ומלכינו בראשינו בב"א
לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה
הנהלת החבורה

צוערשט האָט מען מעורר געווען זכותו הגדול פונעם היילגן רבי'ן אז ממקומו יפן ברחמים און ער זאָל ווייטער משפיע זיין אויף אונז קדושה וטהרה והתרוממות לתורה ועבודה.

דערנאָך האָט מען געהערט די גאָר האַרציגע דרשה פון הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א משפיע רוחני בישיבתינו הק', ווי ער האָט בנועם שפתותיו אַרויסגעברענגט די גרויסקייט און חשובות פון די חבורה וואָס דאָס איז געווען רוחו פונעם היילגן רבי'ן זי"ע, און מיט דעם זענען מיר זיך מדבק באור קדושתו.

הנרות הללו קודש הם:

# הערליכע חבורת התוועדות והתחזקות ביומין דחנוכה בבית המנהל שליט"א

דעם פינפטע ליכטל חנוכה, נאָך די הדלקת נרות חנוכה בביהמ"ד הגדול, איז פאָרגעקומען גאָר אַ דערהויבענע פאַרבריינג לכבוד חנוכה באַגלייט בזמירות שירות ותשבחות לכבוד היום, אין שטוב פונעם מנהל שליט"א אַהערגעשטעלט אויף אַ שיינע פאַרנעם.

במשך די חבורה האָבן חשובע בחורים עטליכע מאָל אויפגעטרעטן מיט שיינע רעיונות לכבוד חנוכה, און באַזונדער דברי דרוש ופלפול מעניני הנס, און דער מנהל שליט"א האָט כמעיין המתגבר משמיע געווען הערליכע דברי התחזקות וואָס מ'נעמט אַרויס פון די געהויבענע טעג להודות ולהלל.

אין די צייט וואָס די בחורים פון אויסלאַנד האָבן זיך געפונען ווייט אַוועק פון זייערע שטיבער, האָט די הערליכע מסיבה ביים מנהל אין שטוב אריינגעבלאָזן שטראַלן פון וואַרעמקייט אין אַלע הערצער, ווי מען האט זיך געשפירט היימיש און באַקוועם אין אַ וואַרעמע אַטמאָספערע.

ובאש אתה עתיד לבנותה:

# העלישע פייער אין ביהמ״ד הגדול, אַפעקטירט בנין הישיבה, אָבער נישט די סדרי הישיבה




דעם פאַרגאַנגענעם חודש כסלו העעל"ט ווען עס האָט אויסגעבראָכן די פייער בביהמ"ד הגדול און עס האָט אַפעקטירט די בנין הישיבה וועלכע האָט שטאַרק געשמעקט פון די רויעך און מ'האָט נישט געקענט ממשיך זיין מיט די לימודים און מיט די קוואַרטיר, האָט דאָס אַרויסגערופן שטאַרקע שטוינונג אַז טראָץ וואָס די בנין הישיבה איז טאַקע אַפעקטירט געוואָרן, האָט דאָס אָבער נישט געהאַט קיין שום אַפעקט אויף די סדרי הישיבה.

די הנהלת הישיבה האָט אין איילעניש אַהערגעשטעלט די בנין הישיבה קטנה לויט די בעסטע מעגליכקייטן אַז דאָס זאָל אויך קענען אַקאָמאַדירן די תלמידי ישיבה גדולה אין אַ באַזונדערע אָפּטיילונג, און במשך די עטליכע וואָכן וואָס מ'האָט דאָרט פאַרוויילט אינעם בנין האט די הנהלה אַריינגעלייגט אויסטערלישע כוחות און געלט צו פאַרזיכערן למען לא יחסר המזג, ושלא יבוטל התמיד אפי' קיין איין איינציגסטע טאָג מיט'ן צושטעלן א היכל הישיבה, כיתות, דארמיטאָרי, און אַלע באַדערפענישן.

אין די זעלבע צייט האָט מען געאַרבייט אויף קעסל-און-אויף-כלים צו פאַררעכטן באַצייטנס אַלע שאָדנס אינעם בנין הישיבה, און באַזונדער אויסצולופטערן די בנין, אַז די פאַררייכערטע שמעק זאָל נישט גורם זיין עגמ"נ. און ב"ה נאָך צוויי וואָכן איז אַלעס געוואָרן צוריקגעשטעלט על מכונו והיכלו און מ'האָט זיך געקענט צוריק קערן צום בנין הישיבה.

אין די צייט ווען מ'האָט נישט געקענט פאַרוויילן אינעם בנין הישיבה און מ'האָט נישט געהאַט די אייגענע דאַך איבער'ן קאָפּ מיט די ריכטיגע הרחבת הדעת, האָט זיך אַרויסגעשטעלט מיט די שענסטע פאַרבן די התמדת התורה און חשקת התורה פון די חשובע בחורים, ווען אַלע טירדות און מניעות האָבן נישט באַוויזן אָפּצוהאַלטן די בחורים פון די סדרי הישיבה.

עס איז ווערד צו פאַרצייכענען אַ נאָטיץ, ווי אין יענע טעג האָט זיך אַרויסגעוויזן באופן יוצא מן הכלל ווי שטאַרק מרן רבינו שליט"א זאָרגט זיך פאר די וואוילזיין פון תלמידיו הנאמנים וועלכע זענען שטענדיג צמוד על לוח לבו הטהור.

אין די טעג בעפאָר מ'האָט זיך צוריקגעצויגן צום בנין הישיבה, איז געווען אַ דיון ביי די הנהלת הישיבה צו די בנין איז שוין טאַקע גרייט צו אַנטפאַנגן די בחורים, אָדער מ'זאָל ליבערשט נאָך אויסוואַרטן עטליכע טעג, און נאָכ'ן ריכטיג אַריינקוקן אין אַלע פרטים האָט די הנהלה מחליט געווען אַז לכאורה איז שוין הגיע הזמן צו צוריק גיין צו די אייגענע ד' אמות של הלכה. נאך אן אסיפה בביתו נאוה קודש, האָט רבינו שליט"א געזאָגט אַז ער וויל פּערזענליך זען פונדערנאָענט די מצב פון די בנין, און דער רבי איז אָנגעקומען אין באַגלייטונג פון די חשוב'ע מנהל שליט"א און די הנהלת הישיבה צום בנין הישיבה, ווי דער רבי האָט אַ לענגערע צייט אדורכשפאצירט די גאַנצע בנין הישיבה, סיי די כיתות און סיי די דאָרמיטאָרי, ווען דער רבי האָט דערביי געגעבן זיין הוראות הקודש אַז מ'זאָל נאָך ממשיך זיין אינעם בנין הישיבה קטנה ביז נאָך שב"ק, און הערשט דאַן אַהיימצוקומען צום בנין הישיבה, וועלנדיג אַז די בנין זאל שוין טאַקע זיין לכתחלה גרייט פאר די בחורים מיט די ריכטיגע געשמאַק און הרחבת הדעת.

שלא שם חלקינו כהם:

# תלמידי ישיבתינו הק׳ איינגעקויפט העכסט אינטערעסאַנטע ידיעות בלילי ניטל

'ניטל מיט אַ מיטל' איז געווען היי-יאָר בלילי ניטל בהיכל הישיבה, ווען דורכאויס די ניטל שעות בימי אידם ווען מ'איז נישט עוסק בתורה כמנהג ישראל תורה, האָבן די בחורים קונה געווען לענגערע שעות פון גאָר אינטערעסאַנטע נוצבאַרע ידיעות.

די הנהלת הישיבה האָט ספּעציעל געראָפן דעם ידען נפלא ופה מפיק מרגליות מוה"ר בערל וויינבערגער הי"ו פון מאָנטריאַל, וועלכע האָט איןביידע ניטל-נעכט באַזונדער אָנגעפּירט מיט'ן סדר אין די צייט פון די געווענטליכע סדר הערב, צוערשט איז מען אויף אַ ברייטע פּאַרנעם אַדורכגעגאַנגען די מהלך החמה והלבנה און די חשבונות פונעם לוח און נאָך, וועלכע קומט גאָר שטאַרק צוריק ביי די לימודים, און שפּעטער איז מען אַריבער צו אַ השגחה פּרטיות פּראָגראַם ואף גם זאת לא מאסתים ולא גאלתים, מיט גאָר אינטערעסאַנטע היסטאָריע און השגחה פּרטיות פון די צווייטע וועלט קריג, ווי אַזוי אידן האָבן געזעהן די אָפענע יד ה' ווען זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן ממות לחיים ומאפילה לאור גדול.

בזאת יבוא אל הקודש:

# אומבאַשרייבליכע התעוררות ביום זאת חנוכה בהיכל הישיבה


ישיבה גדולה

אור החיים ד'טאהש

בס"ד

סדר היום ליום ב׳ זאת חנוכה

זמן קימה ........................................ 6:30

הנחת תפילין ........................................ 7:10

הודו ........................................ 7:30

בשעה 9:15 יעלו אל הציון הק׳ בהזמן המסוגל

ביחד עם כ"ק מרן רבינו שליט"א

בעזהשי"ת יהי׳ באס בשעה 9:10

סדר שיעור עיון ........................................ 11:30 עד 1:30

בברכת

א לעכטיגן חנוכה

און פועל'ט אויס אלעס גוטס

בחנוני נא בזאת! אינעם גרויסן טאָג זאת חנוכה, די סיום ימי האורה פון יו"ט חנוכה און די גמר החתימה לטובה פון די ימי הרחמים והרצון, האָט מען געהאַט די זכי' מיטצולעבן אַ אומבאַשרייבליכע התעוררות בהיכל הישיבה, בראשות הריש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א.

צוערשט איז דער רבי אָנגעקומען בהיכל הישיבה, ווי מען האט געדאווענט א דערהויבענע תפלת שחרית ואמירת הלל, און דערנאָך איז אָפּגעראַכטן געוואָרן אַ מסיבת לחיים, מיט ניגוני התעוררות ודביקות לכבוד האי יומא רבה, ווי מען האָט געהאַט די זכי' צו הערן דברות קודש בגודל קדושת וסגולת הזמן בברכות לרוב אַז יעדער זאָל זוכה זיין צו אַ גמר חתימה טובה.

מיט אַ רגש דקדושה און פייער'דיגע געמיטער איז מען דאַן אַרויפגעגאַנגען להר ציון זיך אויסצוגיסן דאָס האַרץ און מתפלל זיין במקום קודש הקדשים אין אַזאַ הייליגע טאָג, ווי מען האָט אויסגעזאָגט גאַנץ ספר תהלים ביים ציון הק' פון מרן רביה"ק זי"ע. קול מושיעים יעלו להר ציו"ן.

שמחתי באומרים לי בית ה' נלך:

# מעמד התייסדות "חבורת קנין שלם" אינעם נאָסטאַלגישן ביהמ"ד אין מאָנטריאַל

פון די שטאַרקע הצלחות אויף די הרמת קרן התורה בהיכל ישיבתינו הק' איז די באַרימטע "חבורת קנין שלם" וואָס אין ראַם פון די חבורה זענען זיך די בחורים משלים בלימוד המסכת בבא בתרא דורכ'ן איבער חזר'ן אין שיעור ב' די לימודים וואָס מ'האָט געלערנט ביי שיעור פשוט אין שיעור א', אַזוי אַז מ'זאָל קענען גוט צוזאַמענעמען די קרוב צו 200 בלעטער פון די גמרא און זיך פאַרהערן ותלמודו בידו.

לכבוד די היי-יעריגע התייסדות החבורה פאר די תלמידי שיעור ב', איז פאָרגעקומען אַ גאָר דערהויבענע מעמד התייסדות החבורה במקום הקודש, ווען אין די פאַרטאָגס שעות האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן וועג פון ישיבה צום בית מדרשו הראשונה של רביה"ק זי"ע אין מאָנטריאַל, וועלכע האָט אַריינגעברענגט אַ וואַרימע גייסט און הייליגע נאָסטאַלגיע ביי אַלע בחורים, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש היא.

ביים אָנקומען האָט מען אָנגעהויבן מיט'ן התייסדות דורכ'ן פאַקטיש אָנהייבן די סדר החזרה אויף די פאַריעריגע לימודים, ווי עס האָט געהילכט אַ שטאַרקע קול תורה צווישן די הייליגע ווענט וועלכע האָבן שוין אָנגעזאַפּט אַזאַ קדושה במשך אַלע יאָרן ביז אַהער, דערנאָך האָט מען געדאַווענט מיט אַ שלהבת קודש ביתר שאת וביתר עוז פון אַ געווענטליכע טאָג, ווען די קדושת המקום האָט אַסאַך צוגעגעבן צום התעוררות.

נאָך שחרית איז פאָרגעקומען אַ סיום מסכת דורך איינער פון חשובע תלמידי הישיבה ווי מ'האָט זיך וואַרעם געוואונטשן ברכות לרוב בזכות התורה, און דערנאָך האָט מען זיך געזעצט צו אַ רייכע פת שחרית.

עס זענען געהערט געוואָרן גאָר רייכע דרשות לרגל התייסדות החבורה, דורכ'ן מגי"ש הרה"ג רבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, און באַזונדער דורך הרה"ג רבי יואל מתתי' קאָהן שליט"א ראש כוללינו מאנטריאל, ווי עס איז גאָר שטאַרק אַרויסגעהויבן געוואָרן די תועלת ותכלית החבורה, באַגלייט מיט פראַקטישע עצות און געדאַנקן אַז יעדע איינציגסטע בחור זאל טאַקע שפירן זיין הצלחה אין די חבורה.

### אם שמוע בישן תשמע בחדש:

# חבורת חוזר וניעור לחזרת ש״ע יו״ד ח״א רעכט אַפּ ספּעציעלע מעמד חיזוק להתייסדות החבורה

די העכסט מוצלח'דיגע "חבורת חוזר וניער" האָט באַקומען שטאַרקע מאָמענטום צום פרישן מחזור פון די חבורה, ווי די תלמידים פון שיעור ב' חזר'ן דערביי איבער הלכות בשר בחלב וועלכע מ'האָט אַדורכגעלערנט פאַריאָר אין שיעור א', אַזוי אַז די גאַנצע מסכת זאל פאַרבלייבן מונח בקופסא אויף אַ שטאַרקע פאַרנעם.

עס איז געווארן אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע מעמד חיזוק להתייסדות החבורה, ביי וועלכן מ'האָט געהערט שיינע דרשות פון די ראשי החבורה שליט"א, און עס איז אויסגעשמועסט געוואָרן איבער די סדר החבורה און די שטאַרקע מעלות און תועלת, ווען מ'איז זוכה צו שפּירן אַ מתיקות התורה סיי ביים לערנען און סיי שפּעטער ביים חזר'ן.

### חיבה יתירה בקודש פנימה:

# תלמידים פון יעדע כתה באַזונדער זוכה צו אַ פּריוואַטע מלוה מלכה בביתו נאוה קודש

אמר לאוהבו עשה לי סעודה קטנה כדי שאהנה ממך! אָט דאָס איז געווען די הרגשים ביי אַלע בחורים ווען מ'האָט במשך די ווינטער וואָכן זוכה געווען מיטצולעבן די פּריוואַטע מלוה מלכה בביתו נאוה קודשא, ווען אויף די פערזענליכע בקשה פון מרן רבינו שליט"א האבן די תלמידים פון יעדע כתה זוכה געווען צו אַ באַזונדערע פּריוואַטע מלוה מלכה אינאיינעם בקודש פנימה.

אין צוגאָב צו די אַלגעמיינע חיבה וקירבה יתירה וואָס די בחורים זענען זוכה ביים רבי'ן, איז דאָס אַצינד געווען פילפאַכיג מער, ווען דער רבי האָט אַרומגעשמועסט מיט די בחורים אַ לענגערע ווילע בסיפורי צדיקים און נאָך פאַרשידענע שיינע ענינים בהדרכה והתחזקות בעבודת ה', און דערביי האבן די תלמידים געהאט די געלעגנהייט צו פארציילן מעשיות.

די געהויבענע מלוה מלכה'ס איז געווען גאָר פּערזענליך און ספּעציעל, ווען טאַקע ממש בלויז די בחורים זענען געלאַדנט געוואָרן צום שבע ברכות, אָן קיין אָנוועזנהייט פון די מרביצי תורה שליט"א.

•

א עקסטערע הויכפּונקט איז געוויס געווען די פּערזענליכע מוצאי שבת שבע ברכות בחצרות קדשינו אום חודש כסליו, וועלכע כ"ק מרן רבינו שליט"א האָט אָפּגעראָכטן ספּעציעל פאַר די תלמידי הישיבה כשהמלך במסיבו.

אַ רייכע סעודת מצוה איז געווען צוגעגרייט, ווי מ'האָט זיך געוואַשן און פאַרברענגט בשבת אחים גם יחד, ווען דער רבי האָט פאַר אַ לענגערע צייט אַרומגעשמועסט מיט די בחורים, און שפּעטער האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין שיינע ריקודין לכבוד שמחת חתן וכלה.

## יביאהו עד הטריפה:

# לימוד הלכות טריפות ווערט געלערנט אינאיינעם מיט די חלקי הבהמה אויפ'ן פלאַץ

ביי די תלמידי שיעור ג' וועלכע זענען זיך משלים אין שולחן ערוך יורה דעה ח"א מיט'ן עוסק זיין בלימוד הלכות טריפות בסדר לפנצ"ה, וואָס כדי ריכטיג צו פאַרשטיין די פרטי הדברים פעלט זיך אויס צו זיין באַהאַוונט מיט די פרטי המציאות פון די אברי הבהמה, דעריבער האָבן די געטרייע מגידי שיעור שליט"א עטליכע מאָל אַראָפּגעברענגט אין ישיבה א עכטע ריאה (לונגען) פון אַ בהמה, צו פאַרשטיין ווי אַזוי מ'דאַרף בודק זיין סירחות און די באַדייט פון גלאַט-כשר און אַלעס אַרום.

## אינו דומה שמיעה למליחה:

# תלמידי שיעור ג' האַלטן מיט לעבעדיג די סדר מליחת הבשר לערנענדיג הלכות מליחה

די תלמידי שיעור ג' וועלכע זענען עוסק בלימוד הלכות מליחה אין שו"ע יו"ד ח"א בסדר הערב, האָבן באַקומען די ריכטיגע באַגריף אויף הלכות מליחה, ווען מ'האָט מקיים געווען דעם אינו דומה שמיעה לראי', אַראָפּגייענדיג צום בית השחיטה דקהילתינו הק', און מ'האָט אינאיינעם מיט די מגידי שיעור שליט"א אָ לענגערע צייט באַאָבאַכט די גאַנצע סדר פון מליחה, ווי דער מגי"ש האָט דערביי אָנגעוויזן פילצאָליגע ענינים וועלכע מ'האָט געלערנט און מ'גייט לערנען, אַז די בחורים זאָלן ריכטיג פאַרשטיין און אַרויסהאָבן כלפי מה הדברים אמורים.

## במוצאי יום גילה:

# גייסטרייכע מלוה מלכה לרגל סיום ימי השובבי"ם בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א

ווי איינגעפירט אין די פאַרגאַנגענע יאָרן איז דעם פאַרגאַנגענעם מוצש"ק משפטים-שקלים אַריינטרעטנדיג אין חודש אדר, פאָרגעקומען אַ גייסטרייכע סעודת מלוה מלכה לכבוד די סיום פון די געהויבענע ימי השובבי"ם העעל"ט וועלכע זענען פאַריבער בהיכל הישיבה גאָר דערהויבן מיט אַ שטאַרקע התרוממות בתורה ועבודה.


ישיבה גדולה
אור החיים ד'סאטמאר

בס"ד

בעמדינו בסיום ימי השובבי"ם הנעלים והמרוממים שעבר עלינו לטובה ולברכה ברוב סייעתא דשמיא והצלחה למעלה מן המשוער שמחים אנו להודיע את אשר בס"ד יתקיים מעמד רבתי מיוחד לתלמידי ישיבתינו הק' עובדי השי"ת נ"י

ובעז"ה יוצאו הוראות מיוחדות לכל בחור ובחור לעבור לפני כ"ק מרן רבינו שליט"א כבני מרון בסכום של כל השעות שלמד במשך פ' משפטים תרומה

הנו בזה בכמה נקודות נחוצות כהכנה להמלוה מלכה:
א. כל אחד יציין שמו ושם אמו וסכום השעות של פ' משפטים תרומה על הקארטל המיוחד
ב. כל אחד יכין את עצמו סיפורי צדיקים כדי שיוכל לספר בעת המלוה מלכה
ג. בעת המלוה מלכה יתחלקו פרסים יקרים וחשובים כל אחד ואחד לפי דרגא דילי'
ד. בעז"ה ימסרו התלמידים החשובים מנחת ביכורים לכ"ק מרן רבינו שליט"א

חברים יקרים! הכונו עצמיכם לסעודה!

די מלוה מלכה איז פאָרגעקומען אויף אַ פריוואַטע פערזענליכע פאַרנעם בהיכל הטישן וועלכע איז געווען צוגעגרייט גאָר רייך, דערביי האָבן די בחורים געהאַט די זכי' צו הערן וואַרימע דברי התחזקות פון רבינו שליט"א, ווי דער רבי האָט דערביי אַרויסגעברענגט זיין אויסטערלישע הנאה וקורת רוח פון די התעלות פון די חשובע בחורים, און נאך ברהמ"ז זענען אלע תלמידים אריבער ביי רבינו שליט"א מקבל זיין די פרסים.

יבואו על שכרם:

# ווערדפולע רוחניות׳דיגע רייכטומען פאַר די בחורים המצטיינים אין די שובבי״ם וואָכן

צווישן די ספּעציעלע ווערדפולע רוחניות'דיגע רייכטומען וואָס די בחורים המצטיינים בימי השובבי"ם האָבן באַקומען לאות הוקרה אויף זייער הצטיינות, האָט אַרויסגעשיינט די זכי' וואָס אַ מספר בחורים האָבן געהאַט צו קענען דאַוונען אַ דערהויבענע תפלת שחרית אינאיינעם מיט מרן רבינו שליט"א בבית מדרשו הפרטי.

בעפאר תפלת שחרית האט אויפגעטרעטן די משפיע הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א, וועלכע האט ארומגערעדט איבער די קדושת המקום, און פארשידענע זכרונות וואס ער האט מיטגעלעבט פון יענע געהויבענע זמנים, און דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען א דערהויבענע דאווענען בשלהבת אש קודש.

אילן במה אברכך פירותיך מתוקים צלך נאה:

# חמשה עשר בשבט ראש השנה לאילנות געפּראַוועט מיט גרויס התעוררות, מיט׳ן הויכפּונקט פונעם מעמד אמירת תהלים בבית מדרשו הפּרטי של רביה״ק זי״ע

דעם געהויבענעם טאָג חמשה עשר בשבט ראש השנה לאילנות איז געפּראַוועט געוואָרן בהיכל הישיבה מיט אַ ספּעציעלע התעוררות והתרוממות דקדושה, אין שפּיץ פונעם ריש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א.

צוערשט האָט מען אינאיינעם אפּגעראכטן א דערהויבענע תפלת שחרית בהיכל הישיבה, און נאכ'ן דאווענען האט דער רבי געפירט אַ געהויבענע לחיים טיש לכבוד היום אינאיינעם מיט די בחורים, ווען דערביי איז געזינגען געוואָרן אַ קייט פון וואַרימע נגינה מענינא דיומא, און מ'האָט געהאַט די זכי' צו הערן דברי אלקים חיים מיט שיינע בחינות בהדרכה והתחזקות וואָס מ'נעמט זיך אַרויס פון אַזאַ געהויבענע טאָג.

דערנאָך האט מען זיך געגרייט צו אמירת תהלים ברוב עם הדרת מלך בהאי יומא דקגרים, אינעם הייליגן נאָסטאַלגישן בית מדרשו של רבי, די ביהמ"ד הפרטי פון מרן רביה"ק זי"ע וועלכע האָט פופציג יאָר נאָכאַנאַנד זוכה געווען צו הערן און איינזאַפּן די תפלות זכות וטהורות יוצאים מלב טהור פון רביה"ק זי"ע.

דער רבי האָט יורד געווען לפני התיבה, ווי די אמירת תהלים איז געווען מיט אַ ספּעציעלע התעוררות בוקע רקיעים, ווען מ'האָט בהאי יומא רבה אויסגעזאָגט ספר תהלים און גע'פּועל'ט ישועות ורפואות פאַר'ן כלל און פאַר'ן פּרט בקודש הקדשים.

השבת נועם הנשמות והשביעי עונג הרוחות:

# גייסטרייכע דערהויבענע שבת התוועדות מעין עולם הבא "שבת חבורתא קדישתא"




יום שבתון אין לשכוח! דאָס איז די ריכטיגע אויסדרוק אויפ'ן אומפאַרגעסליכע שבת התוועדות מעין עולם הבא דעם פאַרלאָפענעם ווינטער, מיט'ן ציהל אויפצוהייבן די בחורים אין א שבת המתאחדת בתורתך און מחזק זיין די חבורות ללימוד וחזרת הלימודים, דעריבער האָט די שבת גאָר פאַסיג געטראָגן דעם נאָמען "שבת חבורתא קדישתא".

די שבת איז געווען אַ יומא אריכתא פון התעלות והתרוממות, אין לויף פון דריי טעג אָנגעהויבן פון דאָנערשטאָג ביז מוצש"ק, אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך איידער'ן אַרויספאָרן צווישן די קאַנאַדישע בערג, ווען בהיכל הישיבה איז מיט אַ וואָך פריער פאָרגעקומען אַ העכסט התרגשות'דיגע "מעמד מכירת העליות" בנוכחת כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי דער מנהל שליט"א האָט פאַרקויפט די זכות עליות און כיבודים פונעם שב"ק פאַר בלעטער גמרא און שעות לימוד התורה, אויף וועלכע די בחורים האָבן געצויגן די ליציטאַציע העכער און העכער, בשעת ווען רבינו שליט"א האָט זיך צוגעקוקט מיט אַ געוואַלדיגע הנאה וקורת רוח, און שפעטער אָנגערופן דעם מנהל שליט"א מיט גרויס התרגשות אַז ער וויל האָבן אַ קוויטל פון די אַלע בחורים וועלכע האָבן געקויפט די זכותים פאר בלעטער גמרא און שעות רצופות.

דאָנערשטאָג ביים אָנקומען אינעם קעמפּ האָט מען געהערט אַ דרשה פונעם מגי"ש הרה"ג ר' חיים סג"ל קרויס שליט"א וואָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט אַ סדר לימוד שלש שעות רצופות. נאָך מעריב איז געווען אַ אינפאָרמאַטיווע דרשה דורך הרה"ג רבי עקיבא יוסף ראבינאוויטש שליט"א, מרבני בית מדרשינו מאנטריאל איבער די נושא פון אינפארמאציע ביי שידוכים. אויפדערנאַכט איז פאָרגעקומען אַ שיינע חבורת ליל שישי בראשות הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל, פאר העכערע צוויי שעות.

פרייטאג בפניא דמעלי שבתא האָט מען זוכה געווען צו הערן דורך אַ הוק-אָפּ דברות קודש ודברי ברכה פון רבינו שליט"א צום שבת, און דערביי אַרויסגעברענגט זיין הנאה וקורת רוח פונעם מעמד מכירת העליות, און פון די גרוסן פונעם נעכטיגן סדר הלימוד.

די תפלות במשך השב"ק זענען פאַריבער גאָר דערהויבן בשלהבת אש קודש, דערנאָך זענען פאָרגעקומען די סעודת שב"ק וועלכע האָבן זיך פאַרצויגן פאר העכער פינף לעכטיגע שעות, ווען די רייכע זמירות שירות ותשבחות איז געוואָרן אָנגעפירט דורך די חברת אזמר בשבחין.

ביים סעודת שב"ק האָבן אויפגעטרעטן די מגי"ש הרה"צ רבי זאב ראזענבוים שליט"א חדב"ן, און הרה"ג רבי יצחק סג"ל נייהויזער שליט"א, און באַזונדער דורך הרה"ג רבי שמעון עזריאל יחיאל סג"ל לאווי שליט"א. נאָכ'ן סעודה איז פאָרגעקומען די באָטע בראשת הרה"ג המשפיע רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א.

שב"ק אינדערפרי נאָך אמירת תהלים און אַ פלאַמעדיגע דאַווענען, איז געווען אַ קידושא רבה. עס האָט דערביי אויפגעטרעטן דער מגי"ש הרה"ג רבי יונה פישער שליט"א מו"ץ.

ביים סעודת יום שב"ק האבן אויפגעטרעטן די מגי"ש הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א, חדב"ן, און הרה"ג רבי לייב קופטשיק שליט"א.

לעת צאת השבת איז פאָרגעקומען די התעוררות'דיגע מעמד שלש סעודות בשעות ניגוני התעוררות ודביקות, באַגלייט מיט וואַרימע דברי מוסר והדרכה פונעם מנהל שליט"א לעורר לבבינו לאהבה וליראה.

מוצש"ק ביים זיך געזעגענען פונעם שב"ק איז פאָרגעקומען אַ הערליכע מלוה מלכה וחלוקת פרסים פאר אַלע חבורות באַזונדער.

ביי די גאר רייכע מלוה מלכה, איז אויך געווען הערליך אויסגעשטעלט די פרסים פאר אלע חבורות באזונדער. עטליכע תלמידי הישיבה האָבן אויפגעטרעטן מיט שיינע טרעפליכע דרשות. און דער מגי"ש הרה"ג רבי חיים קרויס שליט"א האָט גאָר טרעפליך צוזאַמגענומען אַ אַ הערליכע סך הכל פון די געהויבענע מאָמענטן און תוכנ'דיגע דרשות במשך השבת. נאָכגעפאָלגט מיט הערליכע חרוזים דורך אַ תלמיד הישיבה, דערנאָך האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין פייערליכע ריקודין.

לעשות את השבת לדורותם!

ועשו אותו יום משתה ושמחה:

# גייסטרייכע סעודת שושן פורים אָפּגעראַכטן געוואָרן בשבת אחים גם יחד בבית המנהל שליט"א

דעם פאַרגאַנגענעם מיטוואָך כי תשא ביום שושן פורים, איז די פורים דמוקפין פייערליך געפראַוועט געוואָרן באורה ושמחה דורך די תלמידי הישיבה, ווי אין די מיטאָג שעות איז מען זיך צוזאַמגעקומען צו אַ הערליכע סעודה אינאיינעם מיט יינות מבושמים לכבוד היום בבית הרה"ג המנהל שליט"א.

אַ לענגערע צייט האָט מען אינאיינעם פאַרברענגט מיט זמירות לכבוד היום, באַגלייט מיט לעבעדיגע ריקודין לכבוד פורים דירושלים, נאָכ'ן זיך משמח זיין פאַר אַ לענגערע צייט זענען די בחורים אַריבערגעגאַנגען צום עריכת שולחן הטהור פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ביי וועלכן מ'האָט ממשיך געווען די געהויבענע שמחה, וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף.

תורה עבודה וגמילת חסדים:

# מדת הצדקה והחסד דורך די תלמידי הישיבה בליטשקעט נאך גרויסאַרטיגע קרן חתנים קאַמפּיין צווישן בחורי הישיבה

מסיבב במצוות האָבן די תלמידי הישיבה אַריינגעטרעטן אין די לעכטיגע חנוכה טעג, נאָכפאָלגנדיג אַ דרשה נלהבה דורך העסקן הדגול מוה"ר בערל קליין הי"ו ווי ער האט אויפגעשטורעמט די הערצער פון די בחורים איבער די וויכטיגע הילף וואָס קרן חתנים דערלאַנגט פאר תלמידי ישיבתינו הק'.

אין נאָכפאָלג פון די דרשה איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג די גרויסאַרטיגע קאַמפּיין צווישן די תלמידי הישיבה צו עוסק זיין גמילת חסד בגוף און אַרומגיין נאָך געלט אויפטרייבן גרויס-געלט לטובת הקופה.

עלה מעלות רמות:

# באַדייטנדע שפּרינג ווען קרן חתנים הייבט זיך פון $5,600 צו אַ חתונה, צו פרישע $7,000 פאר די חתונות פון תלמידי ישיבתינו הק'

ליהודים היתה אורה ושמחה! לקראת די ימי השמחה פון יו"ט פורים איז געמאָלדן געוואָרן די בשורה טובה ומרנינה דורך די באַרימטע "קרן חתנים" דישיבתינו הק' אַז בעז"ה גרייט מען זיך צו געבן אַ באַדייטנדע שפּרינג אין די תמיכה פאר די חשובע חתנים, צו פאַרזיכערן אַז די חשובע חתנים קענען גיין אונטער'ן חופּה בשמחה ובטוב לב מיט אַלע הצטרכות פאר די חתונה.




די יעצטיגע העכערונג הייבט זיך פון די ביז יעצטיגע $5,600 פאר יעדן חתן, צו אַצינד $7,000 פאר יעדן חתן תלמיד ישיבתינו הק'.

דאָס קען נאר צושטאַנד קומען אַדאַנק די וואַרימע נדבות פון אנשי שלומינו וועלכע אַנטפאַנגען תמיד די תלמידי הישיבה ביים געלט-גיין בסבר פנים יפות.

### שמחים בבנין:

# פּיבערהאַפּטיגע פּלענער להרחבת גבולי הקדושה

אין די צייט וואָס די כתר שם טוב פון די ישיבה איז הולך וגדול, און די מספר בחורי הישיבה שטייגט און וואַקסט אויף אַ הערליכע פאַרנעם, און אין צוגאָב צו דעם קען שוין דעם עקזיסטירנדע פלאַץ ווי די ישיבה איז קווארטירט נוצן אַ התחדשות פאר די הרחבת הדעת פון די חשובע תלמידי הישיבה, דעריבער זענען די הנהלת הישיבה אַריינגעטון אין פאַרשידענע פּראָיעקטן להרחיב גבולי הקדושה ברוב עוז ותעצומות.

צום ערשט ליגט אויפ'ן טיש אַ ברייטפאַרצווייגטע מולטי-מיליאָן דאָלאַר'דיגע פּראָיעקט אַרויפצובויען אַ פרישע גיגאַנטישע שטאָק אויפ'ן יעצטיגן בנין הישיבה, צו קענען אַקאָמאַדירן די ברייטע בליה און וואוקס פון די תלמידי הישיבה, אבער אזוי ווי אויפ'ן ביז'ן קרעטשמע דאַרף מען אויך אַ טרונק, ווערט אַצינד געמאַכט פּלענער אונטערצונעמען אַ קלענערע פּראָיעקט אויפ'ן עקזיסטירנדע שטאָק פון די בנין הישיבה, וועלכע וועט בעז"ה פאַרגרעסערן די היכל הביהמ"ד, חדרי השיעורים, און חדר האוכל, און וועט צוגעבן אַ שטאַרקע הרחבת הדעת.

אנשי שלומינו זענען אין די יעצטיגע טעג מתפּלל והראינו בבנינו ושמחינו בתיקונו אַז מ'זאָל קענען שאַפן די נוטיגע פאָנדן ביי די נדיבי לב, צו קענען אונטערנעמען די וויכטיגע פּראָיעקטן להרחבת גבולי הקדושה.





א שטריימל וואס רעדט און רעדט
קרויס שטריימלעך
בארא פארק
1251 51st St
SUN-THURS 2:30 - 8:30
וויליאמסבורג
135 Rodney St
SUN-THURS 2:30 - 8:30
מאנסי
20 Robert Pitt Dr
SUN-THURS 2:30 - 8:30
קרית יואל
17 Garfield Rd
SUN-THURS 2:30 - 8:30
לעיקוואוד
1200 River Ave, C3
SUN-THURS 2:30 - 8:30
מאנטריאל
185 Av. Van Horne
SUN-THURS 2:00 - 5:00